# דער יוד

# (DER JUDE)

צייטשריפט פיר אלע יודישע אינטערעסען.

ערשיינט יעדע וואך.

דריטער יאהרגאנג:

תרס"א-תרס"ב — 1901

הערויסגעגעבען פון

חברת „אחיאסף", ווארשא.

קראקא, תרס"ב.

בדפוס יוסף פישער (גראָדנאססע 62.)

## דער אבאנעמענט אויף דעם יאהר

# 1902 „דער יוד" 1902

פיערטער יאהרגאנג.

### ערשיינט יעדע וואך.

די דריי פערגאנגענע יאהר זינט „דער יוד" ערשיינט פערשפארען אונז איצטער א סך צו רעדען וועגען די נוטצען פון אזא צייטונג וואס רעדט צום פאלק מיט זיין שפראך וועלכע ער פערשטעהט און אין וועלכער ער פיהרט זיין טעגליך לעבען. זיין ברייטע פראגראם איז פון די עטליכע יאהר אונזערע לעזער גענוג בע-קאנט. מיר ווילען נור זאגען אז „דער יוד" בלייבט ווי ביז אהער טריי און איבערגעבען זיין פאלק און זיינע פאלקס-אידעאלען און היילינסטע געפיהלען. „דער יוד" לעבט מיט זיינע לעזער איין לעבען אין זיינע פרייד און לייד, און העכער פון אלעם איז פאר איהם די אינטערעסען און דאס גליק פון זיין פאלק אזוי אז יעדעס יו-דישע הויז, יעדע יודישע פאמיליע געפינט אין דעם „יוד" א טרייען פריינד.

מיר קענען זיך אויך נישט בעקלאגען אויף דאס יודישע פובליקום. פערשיעדענסטע קלאסען פון אונזער פאלק האבען אונז ביז איצטער הערויסגעוויזען זייער צופריעדענהייט פון דעם „יוד" און דאס גיט אונז קראפט און מוטה אויף דעם נייעם פיערטען יאהרגאנג אויך ניט צו שפארען קיין מיה און הוצאות אום צו פערבע-סערן דעם „יוד": **די איינציגע צייטונג פאר דעם יודישען פאלק אין דער שפראך וואס ער רעדט און פערשטעהט. די איינציגע צייטונג וועלכע קענען לעזען קליין און גרויס, יונג און אלט.**

דורך דעם „יוד" קענען די לעזער זיך בעקענען מיט די ווערק און שאפונג פון אונזערע בעסטע יודישע פאלקס שרייבער אזוי אויך מיט די בעסטע יודישע שריפטשטעלער וועלכע שרייבען אין העברעאיש און אין אלע אייראפעאישע שפראכען, ווייל אין „יוד" שרייבען אלע אויף א שפראך וואס דאס יודישע פאלק רעדט און פערשטעהט.

**ביזהער זענען נעווען אין דעם „יוד" ארטיקלען פון די דאזינע שרייבער:**

אבראמאוויטש ש. י. (מענדעלי מוכר ספרים), מ. א. אייזענשטאדט דר., אמת, אש ש., ביאליק ח. נ., בעל מחשבות, בערנפעלד ש. דר., בן-עמי, ברייניו ר., דינעזאהן י., הורוויץ ח. ד., האדרעי אבגד, וויסבערג י. י., א. זינגער, יפה ל., לוריא יוסף דר., לילענבלום מ. ל., לעווינסקי א. ל., לעווין ש. דר., מאנדעלשטאם מ. פראפ., נאמבערג ה. ד., ספעקטאר מ., פינסקי ד., פרוג ש., פריעדבערג א. ש., פרישמאן דוד, פרץ י. ל., רייזען א., ציטראן ש. ל., קלויזנער יוסף, ראבינצקי י. ח., ראזענפעלד מאריס, ראזענפעלד ש., ראבינאוויטש א. ז., שאך פאביוס, שולמאן א., שטיינבערג י., שלום עליכם און נאך פיעל אנדערע.

**די ביזאהעריגע פראגראם פון „יוד" ווערט פון ניי-יאהר פערגרעסערט און וועט בעשטעהן פון די פאלגענדע אבטהיילונגען:**

I. לייטארטיקלען. — II. פובליציסטיק. — III. פאליטישע איבערזיכט. — IV. די יודישע וועלט. — V. אלגעמיינע וועלט-נייעס. — VI. צייטונגס-שטימען. — VII. יודישע שטעדט און שטעדטליך. — VIII. צווישען אונז גערעדט. — IX. צייטונגען פון דער וואך. — X. מען שרייבט אונז. — XI. בעלעטרעסטיק. — XII. שירים. — XIII. היסטארישעס. — XIV. ארץ ישראל. — XV. ביאגראפיעס. — XVI. פאפולערע וויסענשאפטליכע ארטיקלען XVII. קריטיק. — XVIII. פעליעטאנען. — XIX. די גרויסע וועלט. — XX. נייעס אויס דער וויסענשאפט.

די רעדאקציע פון „יוד" האט אין איהר פארטפעל פיר דאס נייע יאהר פיעל **אריגינעלע** ארטיקלען פון אונזערע בעסטע און בעליעבטעסטע שרייבער, פיר די אלע אנגערופענע אבטהיילונגען.

## מיט דער ערשטער נומער

פון דעם נייען יאהר וועלען אלע אבאנענטען בעקומען

# אומזיסט א וואנד-קאלענדאר

פראכטפאלל געדרוקט אין 3 פארבען, וועלכער וועט ניטצען דאס גאנצע יאהר פיר יעדעס יודישע הויז.

## אלע נייע אבאנענטען

וועלען בעקומען **אומזיסט** דעם אנהויב פון דער ערצעהלונג

## „חשמונאים" פון א. ש. פריעדבערג

און אויך די ערשטע ערצעהלונגען פון דער סעריע

## „כליינע מענשעליך" פון שלום עליכם.

די נייע אבאנענטען וואס שרייבען אויס דעם יוד אויף דעם יאהר 1902 פאר ניי יאהר, וועלען בעקומען אומזיסט אלע נומערן פון יוד פון דער וואך אן ווען עס וועט אנקומען זייער געלד.

## אבאנאמענט פרייז פון דעם „יוד"

יעהרליך — 5 רובעל, האלביעהרליך — 3 רובעל, פיערטעליעהרליך — 1 רובעל 50 קאפ', פאר 1 מאנאט 60 קאפ'. יעהרליכע אבאנענטען קענען אויך אויסצאהלען די 5 רובעל אין 3 ראטען: ביים אבאנירען: 2 רוב', דעם 1-טען אפריל: 2 רוב' און דעם 1-טען אויגוסט די לעצטע ראטע — 1 רובעל.

# „די יודישע פאמיליע"

## א מאנאטליכער יודישער זשורנאל פיר ליטעראטור און וויסענשאפט.

אונטער די רעדאקציאן און מיטארבייטער פון די בעסטע יודישע שרייבער.

איינע פון די הויפטצוועקען וועלכע מיר האבען זיך פארגעשטעלט בשעת מיר האבען צוגעטראטען צו דער אויסגאבע פון דעם „יוד" איז געוועזען: אבצוציהען אונזערע פאלקסמאסען, וואס פערשטעהען קיין אנדער שפראך אויסער'ן זשארגאן, פון די שעדליכע זשארגאן ביכליך און „אמעריקאנישע" ראמאנען, וועלכע פערדארבען זיין געשמאק, זיין כאראקטער און פערטומלען איהם דעם מח.

מיר זעהען אבער, אז דער יודישער לעזער אין איין צייט, ווען ער לייענט דעם „יוד" לייענט ער אויך אלץ וואס עס קומט איהם נור אין האנד אריין, ניט איבערקלערענדיג, צי עס איז ניטצליך אזא לעזען אדער גאר שעדליך. דאס פאלק קען אבער ניט פיעל איבערקלויבען, ווארום א חוץ עטליכע גוטע ראמאנען האט אונזער פאלק קיין אנדער שפייז ניט געהאט ווי דער געווייסער סארט ביכער מיט די שרעקליכע מעשות, וואס זענען נישט געשטויגען און נישט געפלויגען.

כדי צו געבען אונזער פאלק אזוינע ווערק, וואס זאלען איהם זיין אי אינטערעסאנט, אי ניטצליך, האבען מיר בעשלאסען פון ניי־יאהר אן ארויסצוגעבען א מאנאטליכען זשורנאל, וואס וועט ערשיינען אונטער דעם נאמען:

## ☛ „די יודישע פאמיליע" ☚

דאס וואס איז ניט מעגליך צו געפינען אין א צייטונג, וויל איבער די טעגליכע צייטונגס נייעס און לעבענס פראגען קען מען ניט דרוקען קיין גרויסע ווערק, וועלען די לעזער אין זשורנאל „די יודישע פאמיליע" געפינען — גאנצע ווערק אריגענעלע און איבערזעטצונגען פון די בעסטע יודישע און די בעוואוסטע אייראפעאישע שרייבער.

בכלל וועט דער זשורנאל „די יודישע פאמיליע" זיין רייך אין אינהאלט און וועט ענטהאלטען פאלגענדע אבטהיילונגען:

א) גרויסע און קליינע ראמאנען און ערצעהלונגען פון „יודישען לעבען אין די נייע און אין די אלטע צייטען. — ב) היסטארישע און וויסענשאפטליכע ארטיקלען. — ג) רייזע בעשרייבונגען אין די ווייטע מדינות. אויך ערצעהלונגען פון דער נאטור געשיכטע. — ד) לעבענס־בעשרייבונגען פון בעריהמטע מענער און פרויען. ה) בעשרייבונגען וועגען אלע לענדער וואו יודען וואהנען, איבערהויפט ארץ ישראל. — ו) קריטיק איבער נייע ביכער און ביבליאגראפיע. — ז) ניטצליכע ידיעות וואס יעדער מענש דארף וויסען אין זיין הויז, זיין פאמיליע. — ח) נייע ערפינדונגען, אנעקדאטען, גלייכע ווערטליך, פאלקסליעדער, שפריכווערטער און שכל'דיגע רעד פון גרויסע לייט.

אויסער דעם וועט אין מאנאטליכען זשורנאל זיך געפינען א בעשטענדיגע אבטהיילונג מיט דעם טיטעל

## ראש חדש

וואו עס וועט גערעדט ווערען וועגען טעגליכען און וואכענדיגען יודישען לעבען אין חדש.

**דער זשורנאל וועט ערשיינען פון ניי־יאהר אן פינקטליך יעדען מאנאט א ביכעל**

יעדעס ביכעל וועט האלטען 4 דרוקבאגען גרויסעס פארמאט (64 זייטען) געדרוקט אויף שענעם פאפיר מיט נייע שריפט.

אבאנאמענט פרייז פון דעם מאנאטליכען זשורנאל „די יודישע פאמיליע": יעהרליך 4 רובל; האלביעהרליך 2 רובל; פיערטעליעהרליך 1 רובל. יעדעס מאנאטליכע העפט 40 קאפ.

ווילענדיג אז דער נייער זשורנאל זאל צווישען די יודישע פאמיליעס פערברייטערט ווערען און אויך אז אונזערע אבאנענטען פון „יוד" זאלען בעקומען דעם זשורנאל צוזאמען מיט דער צייטונג האבען מיר בעשלאסען אז פאר די אבאנענטען פון „יוד" איז דער פרייז פון דעם מאנאטליכען זשורנאל:

## 1 רובל „די יודישע פאמיליע" 1 רובל

**נור 1 רובל** (פארטא 50 קאפ.)

מיר ווילען האפען אז אונזערע לעזער און גוטע פריינד וועלען זיך מיה געבען צו פערברייטען אונזער וואכענבלאט מיט דעם מאנאטליכען זשורנאל, וויל אזא בילינער פרייז איז אויסגערעכענט אויף א גרויסע צאהל אבאנענטען.

די אבאנענטען וואס שרייבען אויס דעם „יוד" אויף אויסצאהלען אין ראטען קענען אויך דעם זשורנאל „די יודישע פאמיליע" אויסשרייבען אויף אויסצאהלען אין די ערשטע צוויי ראטען פון „יוד": ביים אבאנירען 50 קאפ. און 25 קאפ. פארטא און דעם 1־טען אפריל 50 קאפ. און 25 קאפ. פארטא.

די אדרעססע: **Administration „Der Jude" Krakau, Gertrudagasse Nr. 16.**

פיר רוסלאנד: **Товарищество „Ахіасафъ", Варшава почтовой ящикъ 25.** פערזענליך: טווארדא 6.

---

## וויכטיגע בעמערקונגען פיר די אבאנענטען.

אום די ארדנונג צו האלטען איז נייטהיג אז:

1) יעדער זאל אויסשרייבען „דעם יוד" און „די יודישע פאמיליע" צייטליך, און ניט ווארטען ביז די לעצטע מינוט, כדי מען זאל קענען אלעס פערארדענען פריהער און פינקטליך יעדען די צייטונג און דעם זשורנאל צושיקען. — 2) ביים אריינשיקען דאס געלד זאל יעדער שרייבען די אדרעסע דייטליך נישט פערצוגט און פערדרעהט. — 3) דאס געלד קען מען שיקען דורך פאסטאנווייזונגען. נאר מען דארף געדענקען די אדרעסע צו שרייבען דייטליך אויף דער אדרעסע קופאן פון פאסטאנווייזונג און ניט יוצא זיין מיט דעם אדרעס וואס איז געשריעבען אויף דער צווייטער העלפט וועלכע בלייבט ביי דער פאסט. — 4) יעדעס מאל וואס מען ווענדט זיך צו „אחיאסף" וועגען דעם „יוד" און „די יודישע פאמיליע" מוז מען שרייבען דעם נומער וואס איז געדרוקט אויף דער אדרעסע און אויך די שטאדט וואו דער אבאנענט וואהנט.

אונזערע קארעספאנדענטען וועלכע ווענדען זיך מיט ארטיקלען, קארעספאנדענציעס, בריעף וכדומה צו די רעדאקציע פון „יוד" אדער „יודישע פאמיליע" בעטען מיר אויף די אדרעסע צו חברה „אחיאסף" צו שרייבען: פיר די רעדאקציאן „יוד" אדער „יודישע פאמיליע" כדי מען זאל וויסען צו וועלכע אויסגאבע דער שרייבער ווענדט זיך.

# 1902 דער אבאנעמענט אויף דעם יאהר 1902

פיערטער יאהרגאנג. **דער יוד** פיערטער יאהרגאנג.

## ערשיינט יעדע וואך.

די דריי פערגאנגענע יאהר זינט „דער יוד" ערשיינט פערשפּאָרען אונז איצטער א סך צו רעדען וועגען די נוטצען פון אזא צייטונג וואס רעדט צום פאלק מיט זיין שפראך וועלכע ער פערשטעהט און אין וועלכער ער פיהרט זיין טעגליך לעבען. זייןברייטע פראגראם איז פון די עטליכע יאהר אונזערע לעזער גענוג בעקאנט. מיר ווילען נור זאגען אז „דער יוד" בלייבט ווי ביז אהער טריי און איבערגעבען זיין פאלק און זיינע פאלקס-אידעאלען און הייליגסטע געפיהלען. „דער יוד" לעבט מיט זיינע לעזער איין לעבען און זיינע פרייד און לייד, און העכער פון אלעס איז פאר איהם די אינטערעסען און דאס גליק פון זיין פאלק אזוי אז יעדעס יודישע הויז, יעדע יודישע פאמיליע געפינט אין דעם „יוד" א טרייען פריינד אין זייערע פרייע מינוטען.

מיר קענען זיך אויך נישט בעקלאגען אויף דאס יודישע פובליקום. פערשידענסטע קלאסען פון אונזער פאלק האבען אונז ביז דאטום הערויסגעוויזען זייער צופריעדענהייט פון דעם „יוד" און דאס גיט אונז קראפט און מוטה אויף דעם נייעם פיערטען יאהרגאנג אויך ניט צו שפּאָרען קיין מיה און הוצאות אום צו פערבעסערן דעם „יוד": **די איינציגע צייטונג פאר דעם יודישען פאלק אין דער שפראך וואס ער רעדט און פערשטעהט.** די איינציגע צייטונג וועלכע קענען לעזען קליין און גרויס, יונג און אלט.

דורך דעם „יוד" קענען די לעזער זיך בעקענען מיט די ווערק און שאפונג פון אונזערע בעסטע יודישע פאלקס שרייבער אזוי אויך מיט די בעסטע יודישע שריפטשטעלער וועלכע שרייבען אין העברעאיש און אין אלע אייראפּעאישע שפראכען, ווייל אין „יוד" שרייבען אלע אויף א שפראך וואס דאס יודישע פאלק רעדט און פערשטעהט.

### ביזהער זענען געווען אין דעם „יוד" ארטיקלען פון די דאזיגע שרייבער:

אבראמאָוויטש ש. י. (מענדעלי מוכר ספרים), מ. א. אייזענשטאדט דר., אמת, ביאליק ח. נ., בעל מחשבות, בערנפעלד ש. דר., בן-עמי, ברייטין ר., דינעזאָהן י. הורוויץ ח. ד., האדרעי אבגד, ווייסבערג י. י., א. זינגער, יפה ל., לוריא יוסף דר., לילענבלום מ. ל., לעווינסקי א. ל., לעווין ש. דר., מאנדעלשטאם מ. פראָפ׳, ספעקטאָר מ., פינסקי ד., פרוג ש., פריעדבערג א. ש., פרישמאן דוד, פרץ י. ל., רייזען א., ציטראן ש. ל., קלויזנער יוסף, ראבינצקי י. ח., ראָזענפעלד מאָררים, ראָזענפעלד ש., ראבינאָוויטש א. ז., שאך פאביוס, שולמאן א., שלום עליכם און נאך פיעל אנדערע.

### די ביזאהעריגע פראגראם פון „יוד" ווערט פון ניי־יאהר פערגרעסערט און וועט בעשטעהן פון די פאלגענדע אבטהיילונגען

I. **ליטארטיקלען** וועלכע בעריהרען די וויכטיגסטע פראגען ביי יודען און יודענטהום. — II. **פובליציסטיק** ארטיקלען איבער פערשידענע פראגען וואס געהערט זיך אן צום יודישען לעבען, פון דער עקאנאמישער און גייסטיגער זייט, אויך איבער וויכטיגע ענינים וואס בעריהרען דעם כלל ישראל אין דער גאנצער וועלט, אין א געוויס לאנד אדער אויך אין א געוויסער שטאדט. — III. **פאליטישע איבערזיכט**. — IV. **די יודישע וועלט** קורצע בעשרייבונגען פון אלע וויכטיגע נייעסען וואס קומען פאר אין דער יודישער וועלט אין פערשידענע לענדער. — V. **אלגעמיינע וועלט־נייעס** די וויכטיגסטע נייעס, וואס געשעהען אין לעבען פון אנדערע פעלקער אדער וויכטיגע פאקטען וואס האבען א שייכות צו יודען און יודענטהום. — VI. **צייטונגס־שטימען** בעשפרעכונגען איבער דעם וואס ווערט געשריבען אין פערשידענע צייטונגען וועגען יודען. — VII. **יודישע שטעדט און שטעדטליך** איבערזיכט איבער דאס טעגליכע יודישע לעבען אין דער פראווינץ. — VIII. **צווישען אונז גערעדט.** — IX. **צייטונגען פון דער וואך.** — X. **מען שרייבט אונז** בריעף און קארעספאנדענצען פון פערשידענע שטעדט. — XI. **בעלעטריסטיק** ראמאנען, ערצעהלונגען און בילדער פון יודישען לעבען אין היינטיגע צייטען, אויך היסטארישע, פון די וויכטיגסטע עפאכען פון אונזער געשיכטע. — XII. **שירים** פאלקס-געדיכטע און נאציאנאל ליעדער. — XIII. **היסטארישעס** אויסער היסטארישע ערצעהלונגען, אויך מאנאגראפיען און ארטיקלען וועלכע קענען געבען א קלארען בעגריף פון געוויסע וויכטיגע צייטען אין אונזער היסטארישען לעבען. — XIV. **ארץ ישראל** אפטע ריכטיגע ידיעות פון אלעם וואס קומט פאר אין אונזער הייליגען לאנד, בעשרייבונגען פון די יודישע קאלאניעס און אויך פון דעם לעבען פון אונזערע ברידער אין ארץ-ישראל. — XV. **ביאָגראפיעס** לעבענסבעשרייבונגען פון יודישע גרויסע לייט אין פערשידענע צייטען, וואס האבען געמאכט יעדער אין זיין צייט א שטארקען רושם אויפ׳ן יודישען לעבען. — XVI. **פאפולערע וויסענשאפטליכע ארטיקלען** איבער פערשידענע וויסענשאפטליכע ענינים, וועלכע האבען א געוויסע נגיעה צום יודענטהום אדער קענען בעזאנדערס ניצליך זיין אונזערע לעזער. — XVII. **קריטיק** בעטראכטונגען (רעצענזיאנען) איבער ביכער וואס זענען געשריבען יודיש אדער אין אנדערע שפראכען און זענען נוגע צום יודישען פאלק. — XVIII. **פעליעטאנען.** — XIX. **די גרויסע וועלט.** — XX. **נייעס אויס דער וויסענשאפט.**

די רעדאקציע פון „יוד" האט אין איהר פארטפעל פיר דאס נייע יאהר פיעל **אריגינעלע** ארטיקלען פון אונזערע בעסטע און בעליעבטעסטע שרייבער, פיר די אלע אנגערופענע רובריקען.

## מיט דער ערשטער נומער

פון דעם נייען יאהר וועלען אלע אבאנענטען בעקומען

# אומזיסט א וואנד־קאלענדאר

פראכטפאלל געדרוקט אין 3 פארבען, וועלכער וועט ניטצען דאס גאנצע יאהר פיר יעדעם יודישע הויז.

## אלע נייע אבאנענטען

וועלען בעקומען **אומזיסט** דעם אנהויב פון דער ערצעהלונג

**„חשמונאים" פון א. ש. פריעדבערג**

און אויך די ערשטע ערצעהלונגען פון דער סעריע

**„קליינע מענשעליך" פון שלום עליכם.**

☞ די נייע אבאנענטען וואס שרייבען אויס דעם יוד אויף דעם יאהר 1902 פאר ניי יאהר, וועלען בעקומען אומזיסט אלע נומערן פון יוד פון דער וואך אן וואס עס וועט אנקומען זייער געלד.

## אבאנאמענט פרייז פון דעם „יוד"

יעהרליך — 5 רובעל, האלביעהרליך — 3 רובעל, פיערטעליעהרליך — 1 רובעל 50 קאפ׳, פאר 1 מאנאט 60 קאפ׳. יעהרליכע אבאנענטען קענען אויך אויסצאהלען די 5 רובעל אין 3 ראטען: ביים אבאנירען: 2 רוב׳, דעם 1־טען אפריל: 2 רוב׳ און דעם 1־טען אויגוסט די לעצטע ראטע — 1 רובעל.

# די יודישע פאַמיליע

## א מאנאטליכער יודישער זשורנאל פיר ליטעראטור און וויסענשאפט.

איינע פון די הויפטצוועקען וועלכע מיר האבען זיך פאָרגעשטעלט בשעת מיר האבען צוגעטראָטען צו דער אויסגאבע פון דעם „יוד" איז געווען: אבצוציהען אונזערע פאלקסמאסען, וואס פערשטעהען קיין אַנדער שפראך אויסער'ן זשארגאָן, פון די שעדליכע זשארגאָן ביכליך און גרויסע „אמעריקאנישע" ראָמאַנען, וועלכע פערדאַרבען זיין געשמאק, זיין כאראקטער און פערטומלען איהם דעם מח.

מיר זעהען אָבער, אז דער יודישער לעזער אין איין צייט, ווען ער לייענט דעם „יוד" לייענט ער אויך דורך זיין חשק צו גרויסע ראָמאַנען אליך, וואס עס קומט איהם נור אין האנד אריין, ניט איבערקלערענדיג, צי עס איז ניטצליך אזא לעזען אָדער גאר שעדליך. דאס פאלק קען אָבער ניט פיעל איבערקלויבען, וואָרום אחוץ עטליכע גוטע ראָמאַנען האט אונזער פאלק קיין אנדער שפייז ניט געהאט ווי די אמעריקאַנישע ביכער מיט די שרעקליכע מעשות, וואס זענען נישט געשטויגען און נישט געפלויגען. כדי צו געבען אונזער פאלק איין בוך, וואס זאל איהם זיין אי אינטערעסאַנט, אי ניטצליך, האבען מיר בעשלאָסען פון ניי־יאהר אָן ארויסצוגעבען א מאַנאטליכען זשורנאַל, וואס וועט ערשיינען, אונטער דעם נאמען

## די יודישע פאַמיליע

דאָס וואס איז ניט מעגליך צו געפינען אין א צייטונג, וויל איבער די טעגליכע צייטונגס נייעס און לעבענס פראַגען קען מען ניט דרוקען קיין גרויסע ווערק, וועלען די לעזער אין זשורנאַל „די יודישע פאמיליע" געפינען — גאַנצע ווערק אָריגענעלע און איבערזעטצונגען פון די בעסטע יודישע און די בעוואוסטע אייראָפּעאישע שרייבער.

בכלל וועט דער זשורנאַל „די יודישע פאמיליע" זיין רייך אין אינהאלט און וועט ענטהאלטען פאָלגענדע אבטהיילונגען:
א) גרויסע און קליינע ראָמאַנען און ערצעהלונגען פון יודישען לעבען אין די נייע און אין די אלטע צייטען.
ב) היסטאָרישע און וויסענשאפטליכע אַרטיקלען. — ג) רייזע בעשרייבונגען אין די ווייטע מדינות, אויך ערצעהלונגען פון דער נאַטור געשיכטע. — ד) לעבענס־בעשרייבונגען פון בעריהמטע מענער און פרויען. — ה) בעשרייבונגען וועגען אַלע לענדער וואו יודען וואהנען, איבערהויפט ארץ ישראל. — ו) קריטיק איבער נייע ביכער און ביבליאָגראַפיע. — ז) ניטצליכע ידיעות וואס יעדער מענש דאַרף וויסען אין זיין הויז, זיין פאמיליע. — ח) נייע ערפינדונגען, אנעקדאטען, גלייכע ווערטליך, פאלקסליעדער, שפּריכווערטער און שכל׳דינע רעד פון גרויסע לייט.

אויסער דעם וועט אין מאָנאטליכען זשורנאַל זיך געפינען א בעשטענדיגע אבטהיילונג מיט דעם טיטעל

## ראש חדש

וואו עס וועט גערעדט ווערען וועגען טעגליכען און וואכענדיגען יודישען לעבען אין חדש.

### דער זשורנאַל וועט ערשיינען פון ניי־יאהר אָן פינקטליך יעדען מאנאט א ביכעל

יעדעס ביכעל וועט האלטען 4 דרוקבאָגען גרויסעס פאָרמאט (64 זייטען) געדרוקט אויף שענעם פאַפיר מיט נייע שריפט.

אבאָנאמענט פרייז פון דעם מאָנאטליכען זשורנאַל „די יודישע פאמיליע": יעהרליך 4 רובל; האלביעהרליך 2 רובל; פיערטעליעהרליך 1 רובל. יעדעס מאנאטליכע העפט 40 קאפּ.

ווילענדיג אז דער נייער זשורנאַל זאָל צווישען די יודישע פאמיליעס פערברייטערט ווערען און אויך אז אונזערע אבאנענטען פון „יוד" זאלען בעקומען דעם זשורנאַל צוזאמען מיט דער צייטונג האבען מיר בעשלאָסען אז פאר די אבאנענטען פון „יוד" איז דער פרייז פון דעם מאנאטליכען זשורנאַל

## 1 רובל „די יודישע פאמיליע" 1 רובל

נור 1 רובל (פּאָרטאָ 50 קאפּ.)

מיר ווילען האָפען אז אונזערע לעזער און גוטע פריינד וועלען זיך מיה געבען צו פערברייטען אונזער וואָכענבלאט מיט דעם מאָנאטליכען זשורנאַל, וויל אזא ביליגער פרייז איז אויסגערעכענט אויף א גרויסע צאהל אבאָנענטען.

די אבאָנענטען וואָס שרייבען אויס דעם „יוד" אויף אויסצאהלען אין ראטען קענען אויך דעם זשורנאַל „די יודישע פאמיליע" אויסשרייבען אויף אויסצאָהלען אין די ערשטע צוויי ראטען פון „יוד": ביים אבאָגירען 50 קאפּ. און 25 קאָפּ. פּאָרטאָ און דעם 1־טען אפריל 50 קאפּ. און 25 קאפּ. פּאָרטאָ.

די אדרעססע: **Administration „Der Jude" Krakau, Gertrudagasse Nr. 16.**

פיר רוסלאנד: Товарищество „Axiacaфъ", Варшава почтовой ящикъ 25. פערזענליך: טוואַרדאָ 6.

---

## וויכטיגע בעמערקונגען פיר די אבאנענטען.

אום די אָרדנונג צו האלטען איז נייטהיג אז:

1) יעדער זאל אויסשרייבען „דעם יוד" און „די יודישע פאמיליע" צייטליך, און ניט ווארטען ביז די לעצטע מינוט, כדי מען זאל קענען אַלעס פּינקטליך ארדענען פריהער און פינקטליך יעדען די צייטונג און דעם זשורנאַל צושיקען.

2) ביים אריינשיקען דאס געלד זאל יעדער שרייבען די אדרעססע דייטליך נישט פערצוגט און פערדרעהט.

3) דאס געלד קען מען שיקען דורך פאסטאנווייזונגען. נאָר מען דאַרף געדענקען די אדרעססע צו שרייבען דייטליך אויף דער אדרעס קופאָן, און ניט יוצא זיין מיט דעם אדרעס וואס איז געשריעבען אויף דער צווייטער העלפט וועלכע בלייבט ביי דער פאסט.

4) יעדעס מאל וואס מען ווענדט זיך צו „אחיאסף" וועגען דעם „יוד" און „די יודישע פאמיליע" מוז מען שרייבען דעם נומער וואָס איז געדרוקט אויף דער אָדרעסע און אויך די שטאָדט וואו דער אבאָנענט וואָהנט.

# דער יוד

# (DER JUDE)


דער פרייז פיר רוססלאנד:
גאנץ יאהרליך —.5 רוביל.
האלב יאהרליך —.3 רוביל:
פיערטעל יאהרליך 1.50 רו"כ.
מען קען אויך אויסצאהלען אין 3 ראטען:
ביים אבאנירען — 2 רוביל
דען 1טען אפריל — 2 „
דען 1טען אויגוסט — 1 „

איינצעלנע נומערן 15 קאפ. — 30 העלער.


צייטשריפט

## פיר אלע יודישע אינטערעסען.

ערשיינט יעדע וואך.


פערלאג: חברה „אחיאסף“.



אבאנאמענטס פרייז יאהרליך:
עסטרייך-אונגארן —.12 קראנען.
האלביאהריג —.6 „
פירטעליאהריג —.3 „
דייטשלאנד —.10 מארק.
ארץ ישראל —.12 פראנק.
אנדערע לענדער —.15 „
אמעריקא, ענגלאנד —.10 שילינג.

פרייז פון מודעות (אנצייגען):
פיר יעדער קליינע שורה פעטיט 20 העללער, 25 פפעניג, 10 קאפ.



Krakau. 3 Januar 1901. נומר 1. קראקויא, טבת תרס"א.


## ה. תרס"א ← וואכען-קאלענדער (לוח) ←

| די טעג פון חודש | די טעג פון וואך | טבת יאנואר־סטיטשען | | ציוויל יאנו[אר] |
|---|---|---|---|---|
| ט"ו | זונטאג | | | 6 |
| ט"ז | מאנטאג | | | 7 |
| י"ז | דינסטאג | | | 8 |
| י"ח | מיטוואך | | | 9 |
| י"ט | דאנערש. | | | 10 |
| כ' | פרייטאג | | | 1[1] |
| כ"א | שבת | שבת שמות | | [1]2 |

| טאג | יאהר | קורצע פערצייכנונגען פון דער יודישער גע[שיכטע] |
|---|---|---|
| ט"ו | ה' ע"ב | שטארקע רדיפות געגען יודען אין גראטץ או[…] |
| | ה' ק"ב | געשטארבען הר' יצחק אבולעפיא אין טולי[…] |
| ט"ז | ה' תקנ"ב | „ הר' דוד טעבלי בה"ר נתן נט[…] |
| י"ז | ה' תפ"ו | „ הר' אברהם ב"ר משה מגלוג[…] |
| „ | ה' תקס"ה | „ הר' יעקב ברי זאב המגיד מ[…] |
| י"ח | ה' תקט"ו | וועגען א שקר בלבול געהרג'עט ר' הירצל [ ] |
| י"ט | ה' ת"ט | געשטארבען ה"ר אברהם אשכנזי היילפרין רב אי[…] |
| כ' | ד' תתקס"ה | „ רבנו משה בר מיימון, „רמב"ם" ז"ל |
| כ"א | ה' תקנ"א | „ הגי ר' שמואל לעצטער רב אין ווילנ[א] |
| „ | ה' תקס"ג | „ הגי ר' נתן הכהן אדלער. |

## אינהאלט:


א) די ערוויטערונג פון דעם ציוניסטישען פראגראם. י. ל.
ב) פאליטישע איבערזיכט. י. ל.
ג) בריעף פון ארץ ישראל. דער אלטער ציוניסט.
ד) בריעף אויס ווארשא. ישראל שווערגעמוט ה.
ה) די יודישע וועלט.
ו) אלגעמיינע וועלט-נייעס.
ז) אינפלוענצא.
ח) א ווינטער-ליעד. געדיכט. אברהם רייזין.
ט) דאס שבת'דיגע היטעל. ערצעהלונג. מ. ספעקטאר.
י) פון מיין טאגעבוך. ר. ברייגין.
יא) דאס יודישע טהעאטער. יצחק גרינבוים.
יב) שלים-שלים-מזל. פעליעטאן. שלום עליכם.


## צו אבאנירען:

אין קראקא:

Administration „DER JUDE“, Krakau. G[…]udy 19.

אין וו[…]

[…]r 25.

Парижская папиросная бумага

# „Ле Дерніеръ Картушъ"

требовать исключительно гильзъ а также папиросныхъ книжекъ изъ настоящей французской бумаги „Ле Дерніеръ Картушъ"

Бумажка эта признана Химичес. Лаборатр. Варшав. Императ. Университета САМОЮ ЛУЧШЕЮ.

Образцы бумажки разныхъ сортовъ высылаетъ безплатно.

ТОРГОВЫЙ ДОМЪ

Л. ЗИЛБЕРЛЯСТЪ

въ ВАРШАВѢ

Граничная улица № 6.



נור פיר 7 רובל 50 קאפּ׳

שיקע איך ארויס נאנגבארע סחורה וואס דער פּרייז איז איבעראל ניט וועניגער ווי 12 ר׳, דערצו בעקומט יענער אויף זיין ארט די אנענטורא פון די סחורה מיט זייער גוטע קאנדיציעס. גענויע ערקלעהרונג געגען א 7 קאפּ׳ מארקע אויף אנטווארט. כל הקודם זכה,

Н. Матузонъ,

Варшава Дѣльная 18.



פּיר 3 רובל גרויסע נוטצען.

זעהר ניטצליך אין יעדעם קאמערצהויז, זא אויך פּיר יעדען, דער פּריבאר „העקטאגראף" וועלכער פּון איין שריפט גיבט ארויס זעהר פּיעל מאל זעהר שנעל, פערבייט דרוק, ניטצליך צו שצאָטעס, קוויטאריושען, יארליקען, וויזיטנע איינלאַדונגסקאַרטען, לעדער בריעף אד"ג צו קאָפּירען.

נאך ערהאלטען [illegible] רו"כ פארויס שיקע איך שנע[illegible] ארויס מיט אַלע פּריבאָרען.

Я Глоцеръ, Варшава,

Купеческая 8.



העד[illegible]

בית [illegible]לנערים

[illegible]צקי.



# ПАМЯТЬ

[illegible] каждаго возр. (начиная съ 8 л. до глубокой старости) укрѣпляетъ лично и заочно (въ 10 легкихъ ур.)

ПРОФЕССОРЪ МНЕМОНИКИ

Членъ Парижской Академіи

## С. Файнштейнъ.

Первый и единственный въ Россіи преподаватель искусства изощренія и укрѣпленія памяти и устраненія разсѣянности.

Посредствомъ моего метода, основ. на законахъ физіологіи, психологіи, логики и педагогики, память возвращается потерявшимъ ее, дѣлается хорошей у имѣющихъ плохую и лучшей—у обладающихъ хорошей.

Въ несомнѣнной пользѣ и цѣлесообразности моего метода убѣдились въ теченіе моей 14-лѣтней дѣятельности на поприщѣ преподаванія мнемоники въ Россіи и заграницей, г. г. священники, врачи, педагоги, военные, студ., актеры, художники и тысячи др. лицъ разн. профессій, званій и возрастовъ, окончившихъ у меня курсъ изощренія и укрѣпленія памяти и удостоившихъ меня благодарности. Методъ трижды премированъ Парижской академіей.

Иногороднымъ высыл. условія за заочное преподаваніе и книга въ 230 стр. (содержащ. многочислен. благодарности оффиц. и вполнѣ компетен. лицъ, окончившихъ курсъ мнемоники, объясненіе и лестные отзывы газетъ о системѣ) за одну 7 к. марку.

Адресъ: Главное бюро курсовъ личнаго и заочнаго преподаванія мнемоники: Одесса, уг. Дерибасовской и Преображенской ул., д. № 191 въ пассажѣ Профессору мнемоники С. Файнштейну. Для телеграммъ: Одесса, профессору мнемоники Файнштейну.

Отдѣленія бюро: въ Одессѣ:

1) Коблевская ул., д. № 37а, бельэтажъ, кв. № 4.

2) Уг. Пушкинской и Баз. улицъ, собственный домъ № 46.

3) (лѣтомъ). Средній Фонтанъ, 10 ст., собственная дача „Мнемозина", № 7.

4) (лѣтомъ) Андреевскій лиманъ собственная дача „Меморія", № 9.

№ телефона въ городѣ 199, № телефона на дачѣ „Мнемозина" 933.



# הארקאווער וואורסט (קאלבאסין) כשר!

די וואס קויפען וואורסט פון די פאבריקאנטען אליין, קענען מיט נוטצען געברויכען מיין הילף. ווארום דא זענען דא זעכס פאבריקען פון וואורסט און איך קען און סטארע זיך קויפען ביי דעניענינען פאבריקאנטען, ביי וועלכען עס איז דא די בעסטע וואורסט און אזוי ווי איך בין א גרויסער אבנעהמער און בענוג זיך מיט א קליינעם פערדינסט, קען איך [illegible] די וואורסט צום ניעדר[illegible]



# יייש ושפירט של פסח למבינים ולמהדרין.

הזאוואד מיי"ש של פסח שלי, נוסד בשנת תרכ"ה, זה שלשים וששה שנים, השפירט שלי נודע ומפורסם בטוב טעמה, וריחה, וזך מראי, וביתרון הכשרה, (כי כל הפועלים והעוסקים בהזאוואד המה מאחינו, כשרים ונאמנים, וכל זר לא יבוא אל הבית בלי שומר) כאשר יעידון ויגידון, הרבנים הגאונים והצדיקים, הרבנים והמו"ץ דק׳ הוראדנא ואחי"ו ה"ה מרן ברוך מרדכי ליבשיטץ זללה"ה האבד"ק שעדליץ, ה"ה מרן אלי׳ חיים מייזיל שליט"א האבד"ק לאדז, האדמו"ר ר׳ גרשון העניך זללה"ה מראדזין, היה מרן יוסף דובער הלוי זללה"ה האבד"ק בריסק, ה"ה מרן חיים הלוי סאלאווייצקי שליט"א האבד"ק בריסק, ה"ה מרן יצחק אלחנן זללה"ה האבד"ק קאוונא, ה"ה מרן שלמה הכהן שליט"א המו"ץ דק"ק ווילנא, כל הקונים יוכלו לקבל היי"ש פסח בקבוקים בני 1/10 1/20 הין, מתזאוואד שלי מוכן למכירה ישר לידיהם. גם בעלי בתים הקונים לעצמם, יוכלו להשיג ישר מזאוואד שלי, כן נמצא אצלי יי"ש ישן, ומנוקה (אָציש־צינע) הדורשים יפנו אלו ככתובתי:

Б. Г. ЯФФЕ, Гродно.

נאום דובער בהגאון מוה"ר מרדכי גימפל זללה"ה יפה.



# פריילינען און דאמען

קענען זיך אויסלערנען נוט שניידען און נייהען אין אקורצע צייט דורך בריעף אין זארגאָן, רוסיש און דייטש. די מעטאָדע איז די בעסטע און די גרינגסטע. אפילו 12 יעהריגע מעדכען קענען זיך גוט אויסלערנען. אויף תשובה א מארקע. ניט זוימט און פרעגט אָן ביי:

Варшава, Госпожѣ Бертѣ Найдичъ.



# נייעם!! נייעם!!



גרוכבענדער עלעקטרא־גאלוואנישע היילען גרינדליך נאך קורצען געברויך, ווי עס איז איבערצייגט געווארען, אז נאך 3 מאָנאטליכען טראגען, ווירד דער ברוך [illegible]שטענדיג אויסגעהיילט. פּרייז [illegible]ניער זייטע 6 רובל, [illegible] 10 רובל. בוינבינדען [illegible] עלאסטישע זאקען פיר [illegible] פיס, אונד פערשיע־[illegible]ערע כירורגישע ארטיק־[illegible] בעקומען נור ביים [illegible]ירורגישען געשעפט אונ־[illegible]פירמא: אלעקסאנדער.

[illegible]קא 22 ווארשוי.

[illegible]דרעססע:

„АЛЕКСАН[illegible]

Сенаторская ул[illegible]

Варшава[illegible]

[illegible] עס האט זיך נעצייגט [illegible]ם מען מאכט נאך ריזע [illegible] ביטען מיר אויפמערק־[illegible] אויף די אָריגינעלע [illegible]פאַן אונזער פירמא.



# צוקערניע ש. שפיגעלגלאז

ווארשא, נאלעווקי Nr. 10 (פארמאלס אינעלזאהן). וועלכע עקזיסטירט זייט 18 יאהר. פון דער צייט און זייט איך האב זי איבערגענומען אונטער מיינע אויפזיכט האָב איך פיעל פערבעסערונגען איינגעארדענט. רייך, כשר, בילינ. בעשטעלונ[illegible] ווערען פינקטליך אויסגעפיהרט, [illegible] פראווינץ. פיעלע [illegible]



# [illegible]גום לעבען

[illegible]יפליך אויך פערזענליך [illegible]יקעלען וועלכע מיט יעדער [illegible] מען פיין עקזיסטירען, אויך [illegible]אנען, גלאנס־פיר גערבער [illegible]ערט גאנץ וויינינ קאפּי־

[illegible] זימעלסטווא

III. Jahrgang. **DER JUDE.** Nr. 1

דער פּרייז פֿיר רוססלאנד:
גאנץ־יאהרליך —.5 רוביל.
האלב־יאָהרליך —.3 רוביל.
פֿירטעל־יאָהרליך 1.50 רוביל.
מען קען אויך אויסצאהלען אין 3 ראטען:
ביים אבאנירען — 2 רוביל
דען 1טען אפּריל — 2 „
דען 1טען אויגוסט — 1 „

ענדערען די אדרעססע קאסט 20 קאפּ.

# דער יוּד

צייטשריפֿט
## פֿיר אלע יודישע אינטערעסען.
ערשיינט יעדע וואָך.
פֿערלאַג: חברת „אחיאסף“.

אבאנאמענטס פּרייז יאָהרליך:
אסטרייך־אונגארן —.12 קראָנען.
האלביאהריג —.6 „
פֿירטעליאהריג —.3 „
דייטשלאנד —.10 מארק.
ארץ ישראל —.12 פֿראנק.
אנדערע לענדער —.15 „
אמעריקא, ענגלאנד —.10 שילינג.

פּרייז פֿון מודעות (אנצייגען):
פֿיר יעדע קליינע שורה פּעטיט 20 העלער, 25 פֿפֿעניג, 10 קאפּ.

Erscheint Donnerstag.

Krakau, 3 Jänner 1901. נומר 1. קראָקויא, טבת תרס"א.

## די ערוויטערונג פֿון דעם ציוניסטישען פּראגראם.

די ציוניסטען שטעלען זיך דעם צוועק צו פֿעראייניגען די צושפּרייטע יודען ווידער אין אַ זעלבסשטענדיגע נאַציאָן, כדי איהרע קרעפֿטען זאָלען קענען צוריק ווי אין די אַלטע, אַלטע צייטען וואַקסען און בליהען. דער צוועק אָבער קען דערגרייכט ווערען אין דער ווייטער קומענדיגער צייט, און עס ענטשטעהט דערום די פֿראַגע, ווי זאָלען זיך פֿערהאַלטען די ציוניסטען צו די פֿראַגען פֿון איצט, צו די פֿראַגען וועלכע זענען פֿערבונדען מיט אונזער איצטיגען לעבען אין די אייראָפּעאישע לענדער.

דער רעיון פֿון ציוניזם פֿערלאַנגט די צונויפֿציהונג פֿון אַלע אונזערע כחות צו דעם ציעל, אונז צו שאַפֿען איין געזיכערטען ווינקעל אויף דער ערד, וועלכען מיר, די פֿערוואָגעלטע און געטריבענע, וואָלטען געקענט אָנרופֿען אונזער היים. פֿריהער די חובבי ציון און שפּעטער די ציוניסטען, ארויסטרעטענדיג מיט זייערע נייע געדאַנקען, האָבען גלייך פֿערלאַנגט איבערצוגעהן פֿון דעם געדאַנק צו דער אַרבייט, וועלכע האָט געזאָלט אונז פֿיהרען אויף דעם גלייכען וועג צום ציעל. די שוויריגקייטען, וועלכע עס האָבען געפֿונען די חובבי ציון ביי די ערשטע טריט פֿון זייער אַרבייט, האָבען זיי געבראַכט צו איין אַנדער געדאַנק, דאָס מיר זענען נאָך ניט צוגעגרייט צו דעם הויכען ציעל, וועלכען מיר שטעלען זיך, דאָס אויף דורכצופֿיהרען אונזער אַרבייט דאַרפֿען מיר האָבען אַ שטאַרקערען נאַציאָנאַלען גייסט, בעססערע און געזינטערע יודען, און דאָס עס איז דערום נייטהיג אַ גרויסע קולטורעלע אַרבייט, מיט וועלכער מען דאַרף אומעטום שטאַרקען דעם יודישען גייסט. די פּאָליטישע ציוניסטען זענען אויך גלייך פֿון אָנהויב אַרויסגעטרעטען נור מיט דעם פֿעסטען גלויבען אין די ריכטיגקייט און קלאָרהייט פֿון זייער אידעע און זיי האָבען געמיינט אַז דאָס אַליין איז גענוג גובר צו זיין אַלע שוויריגקייטען. די פּאָליטישע ציוניסטען האָבען זיך אין אָנהויב צו גרינג פֿאָרגעשטעלט די אַרבייט און צו וועניג זיך גערעכענט מיט די פֿיעל שוויריגקייטען, וואָס ליגען אויף יעדען טריט און שריט, און ערשט נאָך דריי יאָהר אַרבייט איז אויך אין פּאָליטישען ציוניזם ענטשטאַנען די פֿראַגע, — וואָס זשע זאָלען מיר איצטער טהון, ווען דער וועג צו אונזער ציעל איז נאָך פֿערשפּאַרט.

דער איצטיגער פּאָליטישער ציוניזם איז ווייטער און ברייטער פֿון דעם ציוניזם אין אָנהויב פֿון די 80־ער יאָהרען, און די פֿראַגען וועלכע ער רופֿט אַרויס, נעהמען דערפֿאַר אַרום גרעססערע זייטען פֿון אונזער לעבען. נאָך די אונצופֿרידענע ערשטע טריט איז די הבת ציון געקומען צו דער ערוויטערונג פֿון פּראָגראַם דורך קולטוראַרבייט, נאָך די שוויריגקייטען, וועלכע מיר געפֿונען איצט אין אונזער אַרבייט, ערוויטערט דער פּאָליטישע ציוניזם זיין פּראָגראַם דורך דעם, וואָס ער נעהמט אַריין אין זיך ניט נור די קולטורעלע פֿראַגע, נאָר אויך די עקאָנאָמישע, מיט וועלכער די פֿריהערדיגע ציוניסטען האָבען זיך בכלל נישט פֿערנומען.

געהערט די אַרבייט צו פֿערבעסערען די לאַגע אין די גלות־לענדער צו אונזער פּראָגראַם אָדער ניט?

געגען די ערוויטערונג פֿון פּראָגראַם קען מען זאָגען, דאָס די ריין ציוניסטישע און קולטורעלע אַרבייט פֿאָדערען פֿון אונז די גרעסטע אנשטרענגונג, די גרעסטע אנווענדונג פֿון אונזערע כחות, און צונעהמענדיג זיי פֿאַר די ארבייט דאָ אין אייראָפּאַ, וועלען מיר אונזערע וויניגע ציוניסטישע כחות אין גאַנצען צוברעקלען און אָבשוואַכען אונזער ארבייט צו דערגרייכונג פֿון אונזער ציעל; אשטאַט דער אַרבייט אום צו ברייגגען דאָס יודישע פֿאָלק צו א שטאַרקען, זעלבסשטענדיגען לעבען, וועלען מיר זיך דורך דעם פֿערלירען נור אין קליינע אַרבייטען, וואָס קענען קיין גרויסע ממשות ניט האָבען, ווייל מיר אַלס ציוניסטען גלויבען דאָך פֿעסט, אַז אַלץ וואָס מיר בויען דאָ אין גלות איז נור געבויעט אויף זאַמד, אַז אַלע אונזערע אַרבייטען אין דער פֿרעמד האבען ניט קיין פֿעסטען יסוד, אויף וועלכען מיר זאָלען קענען בויען און בויען.

די טענה וואס מען קען אונז שטעלען געגען די ערוויטערונג פֿון פּראָגראַם, איז גענוג שטאַרק און זי קען ניט אַזוי גיך אַוועקגעמאַכט ווערען מיט דער האַנד.

ווען מיר וואָלטען איצט געהאַט מעהר פּראַקטישע אַרבייט אין ציוניזם, וואָלטען מיר געוויס זיך געדאַ־פֿט אָבזאָגען אין גאַנצען פֿון יעדער זייטיגער אַרבייט, פֿון יעדער אַרבייט, וואָס איז געבונדען צו די לענדער, אין וועלכע מיר וואהנען. אָבער מיר האָבען ניט אַזוי פֿיעל ציוניסטישע אַרבייט, וועלכע זאָל קענען פֿערנעהמען דאס

גאנצע פאָלק, און מיר קענען זי איצט אויך ניט האָבען. ווילען מיר דורך דעם ציוניזם אַריינגעהמען דאָס גאַנצע פאָלק, ווילען מיר אַז דער ציוניזם זאָל זיין ניט נור איין זייט פון אונזער לעבען, נאָר ער זאָל זיין אַליך, ער זאָל אין זיך פעראייניגען אַלע אינטערעסען פון יודישען פאָלק, ער זאָל צו זיך צוציהען אַלע אונזערע קרעפטען, אַלע אונזערע אַרבייטער, מוזען מיר דעם ציוניזם מאַכען פאַר דעם וויכטיגסטען און ניט פאַר דעם איינצעלנעם פונקט פון אונזער לעבען, מיר דאַרפען איהם מאַכען פאַר דעם מיטעלפונקט, ארום וועלכען עס זאָלען זיך אויסלעגען און מיט וועלכען עס זאָלען זיך פערבינדען אַלע אַנדערע פונקטען. ווילען מיר ניט קיין פונאַנדערטהיילונג, קיין צוריסענהייט, מוזען מיר זעהן צו פעראייניגען אַליך צוזאַמען אַזוי, אַז אַליך זאל געפיהרט און בעלויכט ווערען פון דעם ציוניזם.

מיר דריקען אָפּט אויס אונזער כונה, אַז דער ציוניזם זאָל אויפהערען צו זיין די זאַך פון אַ פּאַרטיי, נאָר ער זאָל ווערען די אידעע, וואָס דאַרף אַריין אין גאַנצען פאָלק; מיר ווילען זיך אומקעהרען צו יענער צייט, ווען די האָפנונג אויף די נאַציאָנאַלע אויפלעבונג אין ציון איז געווען דער גלויבען פון גאַנצען פאָלק, מיר ווילען, דאָס די האָפנונג זאָל בעלעבען יעדען איינצעלנעם פון אונז, דאָס יעדער יוד זאָל האַלטען פאַר זיין חוב טהיילצונעהמען אין דער פאָלקסאַרבייט. איבערגעהענדיג אָבער פון אַ פּאַרטיי־בעוועגונג צו אַ פאָלקסבעוועגונג מוזען מיר שוין אַריינגעהמען אין אונזער פּראָגראַם אַלע זייטען פון אונזער לעבען, אַלסדינג, וואָס איז נוגע אונזער פאָלק סיי אין רוחניות סיי אין חומר.

נאָך איינס. מיר ציוניסטען ווילען הויבען אומעטום דאס יודישע לעבען, מיר ווילען שטאַרקען דאס יודענטהום אומעטום, וואו אונזער הילף איז נור מעגליך, און הילף ווערט דאָך פערלאַנגט אומעטום. דאָס יודישע פאָלק ליידט גייסטיג, עס פעהלט איהם די יודישע קולטור און עס איז אויך ווייט פון דער אַלגעמיינער קולטור; עס ליידט ניט נור גייסטיג, נאָר אויך מאַטעריעל. זיין ווירטשאַפטליכעס לעבען איז שוין צו צובראָכען, צו דערשלאָגען, אַז מיר זאָלען קענען עס אויך ווייטער לאָזען אין אַ זייט. דאָס קולטורעלע און עקאָנאָמישע לעבען גיבען אַ גרויסעס פעלד פאַר אַרבייט. יעדער יוד, צו וואָס פאַר אַ פּאַרטיי ער זאָל נאָר ניט געהערען, וועט דאַ געפינען דאַנקבאַרע און פרוכטבאַרע אַרבייט. די פערגרעסערונג פון אַרבייטספעלד און די געאָרדנעטע אַרבייט וועלען צוציהען צו זיך אַלע פריינד פון אונזער פאָלק און די אַרבייט פאַר׳ן פאָלק, וואָס וועט געפיהרט ווערען מיט מעהר קראַפט און מיט מעהר אָרדנונג, וועט אויך ברייגען גרעסערע נוצען.

ווער זשע זאל נעהמען אויף זיך די אָרגאַניזירונג, ד. ה. איינאָרדנונג פון דער אַרבייט, ווען ניט די ציוניסטען, וועלכע פעראייניגען אין זיך די געזינדסטע און קרעפטיגסטע טהיילען פון אונזער פאָלק? די ציוניסטען דאַרפען די אַרבייט צו פערבעסערן אונזער לאַגע; אין די איירָאָפּעאישע לענדער פיהרען און אָרדנען, זיי דאַרפען זעהען צו צוציהען צו איהר יעדען, ביי וועמען עס שלאָגט נאָר אַ האַרץ פאַר יודישע אינטערעסען. אין דער קולטוראַרבייט קענען מיר געהן צוזאַמען מיט אַלע נאַציאָנאַליסטען און ניט דוקא מיט ציוניסטען, ווייל אין דער גייסטיגער אַרבייט האָבען זיי דאָסזעלבע פּראָגראַם גלייך מיט אונז. אין דער ווירטשאַפטליכער אַרבייט קענען מיר געהן צוזאַמען מיט יעדערען, ניט קוקענדיג אויף דעם אונטערשיעד אין די מיינונגען און ציעלען.

אמת, אונזער אַרבייט אין איירָאָפּעאישע לענדער קען קיין גרויסע ממשות ניט האָבען, דער קלענסטער ווינד קען אונזערע בנינים צורייסען און צוואַרפען,— דערפאַר זענען מיר דאָך טאַקי ציוניסטען וואָס גלויבען אין אַ געזונטער אַרבייט נור אין ציון—. אָבער מיר קע־

# פעלעטאָן.

## שְלִים־שְלִים־מַזָל.

(בריעף פון מנחם מענדלין צו שלום־עליכם׳ן).

לכבוד ידידי הרבני הנגיד המפורסם מוה״ר שלום עליכם נ״י.

**ראשית** בין איך אייך מודיע אַז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום; השם יתברך זאָל העלפען מע זאָל תמיד הערכען איינס פונ׳ם אַנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות ישועות ונחמות אמן. — **והשנית** הנה זייט וויסען אַז איך בין איצטער אַ ניי געבאָרענער מענש. איהר זאָלט מיך זעהען וואָלט איהר מיך ניט הערקענט, היינו מע האָט מיך גענומען און מע האָט מיך אָנגעטהון פון קאָפּ ביז פיס אין שפּאָגעל נייעס, מיט אַ ווייסע געפרעסטע מאַנישקע, מיט אַ הויכען פּאַפּירענעם קאָלנער, מיט אַ גרויסען רויטען שניפּס און מיט אַ שפּילקעלע, מיט אַ קורצען ראָק, מיט ברייטע קעסטעלדיגע הויזען, מיט אַ הויכען קאַפּעליש און מיט אַ פּאָרטפּעל אונטער דער האַנד און מע האָט מיר געזאָגט: זיי איין אַגענט פון „אַקוויטעבל״! און איך בין געוואָרען איין אַגענט פון „אַקוויטעבל״. ווי אַזוי האָט זיך דאָס געטראָפען? הערט וועל איך אייך דערצעהלען.

איהר געדענקט דאָך מסתמא די מעשה ווי אַזוי מע האָט מיך געבראַכט מיט׳ן עטאַפּ אַהיים קיין מאַזעפּעווקע און וואָס איך האָב געהאָט פון מיין ווייב זאָל לעבען און פון מיין שוויגער זאָל געזונד זיין... פערשטעהט איהר דאָך אַז ביי מיר איז געווען דאָס זיצען אין דערהיים ערגער ווי אַ געפיינגעניש״. איך האָב מיך געריסען — געריסען, נישט געקענט אַרויסרייסען. וואָס טהוט גאָט? קומט מיר אָן אַ טעלעגראַם פון מאַקאַרעווקע פון מיינער אַ שוועסטער פערשטעלט כזה הלשון:

„מאַזעפּעווקו מנחמ׳ו מענדעל־ו.

„ושירנע בעני דערושיט אוזקא. יעסלי זאַטוואַריט גלאַו

„אטשיסטעט דאָס נאָם באַקאַלייני טאָוואַר. פּאַשפּעשייט. יענטי.״

אַ גאַנצען טאָג מיט אַ גאַנצער נאַכט האָב איך מיר געבראָכען דעם קאָפּ וואָס זאָל דאָס בעדייטען? איך האָב מיך אַרומגעטראָגען מיט׳ן דיפּעש איבער דער גאַנצער שטאָדט, בעוויזען אַלע לעהרערס מיט אַלע שרייבערס, קיינער ווייסט ניט! ביז איך בין געקומען צו מאַטיל דעם שוחט׳ס, אַ יונגערמאַן אַ קאַפּמענש, שפּילט גוט אין שאַך, און דווקא מיט אַ לאַנגער קאַפּאָטע. איבערגעלייענט די טעלעגראַמע, האָט ער זיך גוט אויסגעלאַכט און האָט אונז אָנגערופען אַלעמען בהמות! ס׳איז, זאָגט ער, אַזוי גלאַט און פּשוט אַז אַפילו אַ מינדסטע קינד פערשטעהט וואָס מע מיינט. און ער נעמט און זעצט מיר איבער וואָרט און וואָרט און עס קומט אויס אַזוי:

„דער פעטער בעני האַלט שמאָל (דאָס הייסט ער שטאַרבט)

טאָמער מאַכט ער צו איין אויג ראַמט מען אוים אין שטוב

„(דאָס הייסט מע נעמט צו וואָס ס׳איז פאַראַן) און אונז

„בלייבט אַ פייג. קום צופאָהרען וואָס גיכער. יענטי.״

— וואו האָסט דו דאָ, זאָג איך, אַ פייג?

— בהמה, מאַכט ער צו מיר, בצורת פערד! וואָס דען איז די משמעות באַקאַלייני סחורה אַז ניט קיין פייג?... אַ סימן האָסט דו, וועסט קומען צופאָהרען וועסט דו זעהען...

אַצונד האָב איך ערשט רעכט צעקייט די מעשה: דער פעטער בעני איז אַ יוד אַ עושר, שטאַרבט אָהן קינדער, ווייל נעביך יענטיל מיר

נען דאָך אונזער פֿאָלק ניט לאָזען אלײן פֿאַלען נידריגער און נידריגער, מיר מוזען זעהען צו הויבען אלע זיינע כהות סיי גייסטיג, סי' מאטעריעל, אַז עס זאָל זיין פֿעהיג צו דער מלחמה פֿאַר זיין לעבען, עס זאָל זיין פֿעהיג צו דעם הויכען ציעל, אויף וועלכעס אונזער פֿאָלק וואַרט אין זיין וייטערדיגען געשיכטליכען לעבען.

י. ל.

## פאליטישע איבערזיכט.

די ארדנונג פֿון די וואהלען אין עסטרייך. — די וואהלען אין גאליציען. — די ציוניסטען און די וואהלען. — די מחילה אין פראנצויזישען סענאט. — זאלאים בריעף.

דאָס נייע יאָהר הויבט עסטרייך אן מיט א נייעם פּאַרלאמענט, וועלכער דאַרף געעפֿענט ווערען אין סוף יאנואר; דערווייל איז עסטרייך פֿערנומען מיט די וויבארעס, אין גאַנצען דאַרפֿען ווערען אויסגעקליבען 425 דעפּוטאטען. די וויבארעס זענען אין עסטרייך ניט אזוי ווי צום ביישפּיעל אין דייטשלאנד אָדער פֿראנקרייך, וואו די איינוואהנער פֿון אַלע קלאסען צוזאמען קלויבען אויס א געוויסע צאהל דעפּוטאטען, נאַר אין עסטרייך קלויבט יעדע קלאַס מענשען בעזונדער פֿאָרשטעהער אין פּארלאַמענט. די אונגלייכהייט פֿון אַזוינע וויבארעס ווערט נאָך פּערגרעסערט דורך דעם, דאָס די צאהל פֿון שטימען, וואָס איז נייטהיג פֿאַר יעדען דעפּוטאט איז זעהר פֿערשידען פֿונאנדערגעטהיילט צווישען די קלאַסען. די ערשטע קלאַס אויסקלויבער בעשטעהט פֿון גרויסע גוטסבעזיטצער, זי שיקט אין פּאַרלאַמענט 85 מענשען, די סוהרים און די שטעדט שיקען 137 דעפּוטאטען, די דערפֿער שיקען 131, און די אַלגעמיינע, די 5־טע אַבטהיילונג פֿון די אויסקלויבער, צו וועלכער עס געהערען אלע וואָס קענען נור לייענען און שרייבען, קלויבט אויס 72 דעפּוטאטען. ווי עס ווערט פֿערטהיילט די צאהל קאנדידאטען נאָך די קלאַסען, זעהען מיר פֿון די ציפֿערן, וואָס מיר האָבען איבער די וויבארעס אין 1870־טען יאהר. אין דער קלאַס' פֿון די גוטסבעזיטצער איז אויסגעקומען איין דעפּוטאט אויף 63 אויסקלויבער, אין דער האַנדעלסאַבטהיילונג איינער אויף 27 מענשען, אין די שטעדט איינער אויף 2918 אויסקלויבער און אין די דערפֿער איינער אויף 11,000.

דערווייל זענען אונז בעקאַנט די רעזולטאַטען פֿון די וואַהלען אין דער 5־טער (אלגעמיינער) אַבטהיילונג אין גאליציען. דאָרט האָבען דערהויפּט געפֿיהרט די מלחמה די פּוילען מיט די רוסינען. פּוילען זענען דאַ אין גאליציען $3\frac{1}{2}$ מיליאָן, רוסינען (דאָס איז דיי זעלביגע בעפֿעלקערונג ווי אין קליינרוסלאַנד) נאָהענט פֿון 3 מיליאָן. די רוסישע בעפֿעלקערונג אין גאַליציען בעשטעהט מעהרסטענטהיילס פֿון פּויערים און האָט ביז איצט געשפּילט אַ גאַנץ קליינע ראָליע אין פּאָליטישען לעבען פֿון לאַנד. די רוסינען ווערען אין גאַנצען בעהערשט פֿון די פּאָליאַקען. ערשט אין דער לעצטער צייט האָט זיך אנגעהויבען א נאַציאָנאַלע בעוועגונג אויך ביי די רוסינען, אָבער דערווייל איז נאָך די בעוועגונג שוואַך און אויך ביי די איצטיגע וויבאַרעס האָבען די פּאָליאַקען גובר געווען די רוסינען. די פּוילישע פּאַרטיי האָט איצט אויך אָבגעהאַלטען אין גאַליציען אַ נצחון איבער די סאָציאלדעמאָקראטען, וועלכע' ווילען אַבשוואַכען די איצטיגע מלחמה איבער די שפּראַכען אין עסטרייך און אַרויסשטעלען די ארבייטערפֿראַגע.

די יודען, וועלכע וואָלטען געקענט אין גאַליציען דורכברייינגען איינענע 8 קאנדידאטען, האָבען יוניג אַנטהייל גענומען ביי די וויבאַרעס. דר. בירנבוים, וואָס האָט בעשאַפֿען דעם ציוניזם אין עסטרייך, האָט נאָך מיט 10 יאָהרען צוריק אַגיטירט פֿאַר דעם געדאַנקען, אַז די יודען זאָלען אין גאַליציען ניט ארויסטרעטען ווי פּאָליאַקען, דייטשען, סאָציאלדעמאָקראטען, נאַר זיי זאָלען אַרויסטרעטען אליין ווי

---

זאָלען עפּים פֿון איהם נעניסען, א ניט וועט די מומע פעסי צונעמען איינגאַנצען, פֿאַר וואָס קומט דאָס איהר? און ס'איז געבליבען ביי אונז אַלעמען אז איך בעדאַרף מיך אויפֿזועצען און תיכף ומיד פֿאָהרען קיין מאָקאַרעווקע, טאָמער וועט גאָט רחמנות האָבען איך וועל איהם נאָך טרעפֿען אַ לעבעדיגען וועל איך געווים עפּים חאַפּען... שוין זיצענדיג אויף דער פֿוהר האָב איך דערהערט ווי די שוויגער דרש'עט, ווי איהר שטיינער איז, מיט גלייכווערטליך: „אז דער שלים־מזל פֿאָהרט נאָך ירושה בעדאַרף דער מלאך המות אנטלויפֿען“...

כך הוה. געקומען קיין מאָקאַרעווקע לויפֿט מיר מיין שוועסטער אַקעגען:

— האָב קיין פֿאַראיבעל ניט, אומזיסט האָסט דו זיך, מיין ברודער, געהעצקעט, דער פּעטער בעני איז ביז נעכטען געווען פֿאַרביי, נאַר די דאָזיגע נאַכט האָט ער געשוויצט, און היינט איז איהם פיעל בעסער, דאָקטוירים זאָגען, אַז ער איז שוין מעהר אויף דער וועלט איידער אויף יענער וועלט... לאַז איהם גאָט העלפֿען... פֿון דעסטוועגען געה זיך דורך צו איהם מבקר חולה זיין, גלייכער אַז מע איז פֿאַר די אויגען...

געקומען צום פּעטער בעני געהט מיר די מומע פעסי אַקעגען מיט זעהר אַ מאוס'ען ברוך־הבא.

— א, סקאַצעל קומט! די משפּחה בעוויזט זיך! די קאַץ האָט דערשמעקט געגועגשמאַלץ!... וואו ביזט דו געווען פֿריהער, אַז דער פּעטער איז ניט היינט געדאַכט געלעגען אהן לשון?... איצט איז איהם ברוך־השם אַ סך גרינגער... געה, וועסט זיין א גאַסט, געה צום פּעטער, געה!...

דער פּעטער בעני — איין אַלטער יוד, אַ גראָהער, אָהן ציינער, מיט א גרויסער ווייסער באָרד, מיט אַ טוידט פּנים, געל ווי וואַכס; ווען ניט די אויגען וואָס בלישטשען, וואָלט איך געמעגט שווערען, אַז דאָס ליגט א מת.

— שלום עליכם פּעטער, וואָס מאַכט איהר עפּים?...

אויפ'ן פּעטער בענים טוידט פּנים האָט זיך בעוויזען אַזאַ מין שמייכעל, אַז ס'איז מיר געוואָרען קאַלט אין יעדען אבר. זיינע בלאַסע טוידטע ליפּען האָבען זיך משונה מאָדנע פֿערקרומט, ווי ביי אַ מענשען וואָס האָט אויפֿגעגעסען עפּים אַ ווערים, און מחמת ער האָט נישט איין צאָהן אין מויל, שליאָפּעט ער מיט דער צונג, קוים קוים וואָס מע פֿערשטעהט.

— שליאָפּ — שליאָפּ — אַ גאַסט אַ גאַסט... וואָס הערט זיך עפּים אין מאַזעפּעווקע?... שליאָפּ שליאָפּ בין זעהר אָבגעשוואַכט... דער מאָגען... אינווייניג... שליאָפּ שליאָפּ... שיער שיער ניט אָבגעזאָגט די עטליכע גילדען... גלוסט זיך ניט שטאַרבען... חאָטש נאָך אַ יאָהר צוואָנציג שליאָפּ...

— אָמן הלוואַי. זאָג איך, לאָז אייך גאָט העלפֿען ווי איהר ווינשט אייך אליין. איך וואָלט אייך געזאָגט, איהר זאָלט זיך פֿערשטראָפֿירען פֿונ'ם טוידט חאָטש אויף א צעהנטויזענד קאַרבען...

— שליאָפּ — שליאָפּ — מאַכט דער פּעטער בעני און הויבט אויף דעם קאָפּ צו מיר — וואָס הייסט דאָס שטראַפֿירען שליאָפּ — שליאָפּ?

— דאָס הייסט, זאָג איך, אַז טאָמער חלילה די שעה זאָל ניט זיין איהר שטאַרבט אַוועק, צאָהלט מען אייך אויס, דאָס הייסט אייערע יורשים, צעהן טויזענד קאַרבען אפילו מאָרגענדיגען טאָג...

דער פּעטער בעני האָט געגעבען אויף מיר אַזאַ קוק, אַז ס'איז מיר פֿערגליווערט געוואָרען די געבליטען. איך האָב פֿערשטאַנען אַז איך האָב געטהון א גרויסען פֿעהלער, וואָס איך האָב פֿערבונדען מיט איהם אזא שמועס, נאַר צוריק חאַפּט מען ניט, פֿערפֿאַלען! עטליכע מינוט האָט געדויערט דאָס שטילשווייגען. איך בין געזעסען אַ בענראָבענער. נאַבדעם האָט זיך ביים פּעטער בענין אויף די טוידטע ליפּען ווידער אמאָל בעוויזען אַ

אַ נאַציאָן מיט אייגענע פֿאָדערונגען און מיט אַ אייגענעם פּראָגראַם, אָבער די עסטרייכישע ציוניסטען זענען געבליבען נור ביי דעם וואונש און זיי האָבען ניט דאָס מינדעסטע געטהון, אום מעהר פֿאַר דעם געדאַנקען צו אַגיטירען און זיך אַליין פּאָליטיש צו אָרגאַניזירען. עס זענען אויך איצט אויסגעקליבען געוואָרען אַ פּאָר יודען, צווישען זיי אויך דר. ביק, אָבער דאָס זענען ניט דעפּוטאַטען פֿון יודישען פֿאָלק, נאָר יודישע דעפּוטאַטען, וואָס נעהמען אויף זיך די הייליגע אַרבייט מלחמה צו האַלטען פֿאַר אַלעס, נאָר נישט פֿאַר יודישע אינטערעסען. אין בראָדי איז געוועזען אַרויסגעשטעלט אַ דעפּוטאַט, אַ ציוניסט דר. לאַנדוי, אָבער נאָך דעם סקאַנדאַל, וואָס ער האָט אַרויסגערופֿען אויף דעם צווייטען באַזעלער קאָנגרעס און נאָך זיין פּראָצעס מיט דר. הערצל, האָט דר. לאַנדוי אויף אַ וואַרימע אונטערשטיצונג פֿון ציוניסטישער זייט יעדענפֿאַלס ניט געקאָנט האָפֿען און ער איז ביי די וויבאָרעס דורכגעפֿאַלען.

בעת אין עסטרייך ווערען געמאַכט די הכנות צו דעם נייעם פּאַרלאַמענט, זענען איצט די פּאַרלאַמענטען אין די איבריגע לענדער פֿערמאַכט צוליעב די קריסטליכע ימים טובים. פֿאַר די רוהעצייט האָט דער פֿראַנצויזישער סענאַט אָנגענומען דעמזעלביגען בעשלוס ווי דער פּאַרלאַמענט מוחל צו זיין אַלעמען, וואָס זענען פֿערמישט געווען אין דרייפּוסעס פּראָצעס.

נעגען דעם בעשלוס איז אַרויסגעטרעטען מיט אַ בריעף דער פּאָלקאָווניק פּיקאַר, אין וועלכעם ער שרייבט, אַז ער וויל ניט קיין חסד, ער וויל נור גערעכטיגקייט, ער וויל, אַז עס זאָל איהם געגעבען ווערען די מעגליכקייט צו בעווייזען זיין גערעכטיגקייט אין דעם, ווי ער איז אַרויסגעטרעטען פֿאַר דרייפֿוסען און געגען זיינע שונאים.

אַ בריעף צום פּרעזידענטען פֿון דער רעפּובליק מיט אַ פּראָטעסט געגען מחילה האָט אויך ווידער אַרויסגעגעבען זאָלאַ. „מיר הערען אומעטום, שרייבט זאָלאַ, אַז דרייפֿוסעס משפּט האָט אָנגעטהון פֿראַנקרייך פֿיעל צרות. דאָס איז אָבער אַ ליגען. מיר דאַכט, אַז דרייפוסעס משפט איז געווען פֿאַר פֿראַנקרייך אַ גרויסאַרטיגע מלחמה אין דעם נאָמען פֿון אמת און גערעכטיגקייט. אַלע פֿינסטערע כחות האָבען זיך פֿעראייניגט צו צושטערען די רעפּובליק און די פֿרייהייט פֿון פֿראַנצויזישען פֿאָלק, דרייפוסעס משפט האָט אַלעמען נעעפֿענט די אויגען און אויפֿגעדעקט די גרויסע סכנה, אין וועלכער אונזער לאַנד האָט זיך געפֿונען, אַ דאַנק דרייפֿוסעס משפט איז גערעטעט געוואָרען אונזער פֿרייהייט". „די רעגירונג, שרייבט ער ווייטער, מיינט אַז דורך די מחילה וועט זי שטאַרקען דעם שלום און בערוהיגען דאָס לאַנד, דאָס איז אָבער ניט אמת, אַזאַ פּאָליטיק וועט אונז ברייגגען נייע אומגליקען. עס קען ניט זיין קיין שלום צווישען אומגערעכטיגקייט און פֿאַלשקייט... דעם אמת וועט מען ניט קענען דערשטיקען, ער וועט סוף כל סוף אַרויסטרעטען מיט דונערען און בליצען. פֿון וואַנעט וועט קומען דער אמת, ווייס איך ניט, איך ווייס נור, אַז ער וועט געוויס קומען... דער כעס פֿון לאַנד וועט זיך אויסגיסען געגען אַלע, די וואָס האָבען דעם אמת בעהאַלטען אָדער געשטיקט. מיין פֿריינד לאַבאָרי זאָגט אַז די מחילה איז אַרויסגערופֿען געוואָרען נור דורך שוואַכקייט און מורא פֿון מענשען, וועלכע זעהען פֿאַר זייערע אויגען די גרויסע אומגערעכטיגקייט און וועלכע פֿיהלען ניט, דעם כח אין זיך דאָס אומרעכט גוט צו מאַכען אָדער עס אויסצומיידען. נאָך די פֿיעל פֿערברעכען און פֿאַלשקייטען, וואָס זענען בעגאַנגען געוואָרען אין דרייפֿוסעס משפט, איז דער איצטיגער בעשלוס פֿון פּאַרלאַמענט נור שוואַכקייט פֿון פּחדנים, וואָס אַנטלויפֿען פֿאַר דעם אמת. צו פֿערדעקען די שוואַכקייט, רעדט מען פֿון חסד און פֿון מחילה און מען שטעלט אין איין שורה דעם מאַשעניק עסטערהאַזי מיט דעם איידעלעם פּיקאַר... איז עס דען ניט קיין בזיון פֿאַר גאַנץ פֿראַנקרייך, אַז אין איהר געפֿינט

---

זויער שמייכעל, און ער האָט ווידער אַמאָל אָנגעהויבען שליאָפּען מיט דער צונג.

— שליאָפּ — שליאָפּ — ביזט טאַקי צוליעב דעם געקומען ?...

אַ דאַנק — אַ דאַנק !...

— חַם וְשלום ! — זאָג איך און יויל מיך פֿערענטפֿערען — איך בין געקומען אהער צוליעב אייך טאַקי, דאָס הייסט געוואָהרע ווערען, מְבַקר חולה זיין...

— שליאָפּ — שליאָפּ, אַ דאַנק — אַ דאַנק !... אַ גרויסען דאַנק !... גאָר אַ גרויסען דאַנק !...

— האָדי רעדען ! — מישט זיך אַריין די מומע פּעסי — טאָרסט ניט רעדען ! די מִשפָּחָה קיין עַיִן הָרע איז דיר געטרייה, מע קומט צופֿאָהרען אַזש פֿון מאַזעפּעווקע !... נישקשה, וועסט אם יִרצה השם זיין געזונד און לאַנג לעבען, וועט מען דיך ווידער פֿערגעסען...

עס זאָל זיך מיר געווען עפּענען אַ גרוב, וואָלט איך אַריין אַ לעבעדיגער. איך האָב נישט געוואוסט ווי אַזוי מע געהט אַוועק פֿון דאַנען, איך האָב נישט געזעהען די טיהר פֿאַר זיך.

— זייט געזונד, פֿעטער !...

— שליאָפּ שליאָפּ, פֿאָהר געזונד, אַ דאַנק, אַ דאַנק, אַ גרויסען דאַנק !... — מאַכט דער פֿעטער בעני און איז מיך מְכַבד מיט אַ געלע, טוידטע, קאַלטע האַנד.

— לאָז גריסען — שרייט מיר נאָך די מומע פּעסי — דיין שוועסטער יענטיל. דאָס האָט זי דאָך דיך מִסתמא אַרויסגערופֿען, מיינסט איך וויים ניט ? איך ווייס אַלסדינג... ניט אומזיסט האָט זי אַרומגעטאַנצט די גאַנצע צייט... געווען בייט דאָקטאָר אין דערהיים... אַ געטרייהע משפּחה...

ווינטער אַ שטיקעל אייז... אין באָד אַ טרונק וואַסער... תִשעָה בְאָב אַ טרעהר...

דאָס איבעריגע האָב איך שוין ניט געהערט. איך האָב מיין גאַנץ ביטער האַרץ אויסגעלאָזט צו מיין שוועסטער.

— וואָס האַסט דו געהאַט צו מיר, דו גזלנ'טע ?

— ביזט אַ גרויסער נאַרר — זאָגט יענטי — זאָלסט וויסען וואָס דאָ טהוט זיך, וואָלסט דו נישט גערעדט. די מומע פּעסי, אַזוי ווי דו קוקסט זי אָן, האָט זי אַליין אַרויסגערופֿען די גאַנצע משפחה איהרע פֿון טעטרעוויק, פֿון יאַמפּעלי און פֿון סטרישטש. עס זיצט דאָרט אַ גאַנצע האַליאַסטרע, מע פֿרעסט און מע זויפֿט און מע קוקט אַרויס ווי די הינט ביי דער יאַטקע... מע טראַגט, מע שלעפּט, מע רייסט, מע צוטראָגט די שטוב ביסליכווייז... וואָס פֿאַר מְחוּתָּנִים זענען זיי מיט אונזער בלוט ?... פֿאַר וואָס קומט אונז מע זאָל אונז שטעלען אַ פֿייג ? פֿאַר וואָס זאָלען מיר זיך לאָזען שפּייען אין דער קאַשע ? מיר האָבען נאָך עפּים אַ סך אַזעלכע פֿעטערם ?...

מיין שוועסטער יענטיל האָט זיך אַזש נעבאַך צעוויינט פֿאַר גרויסע צרות... איך האָב פֿערשטאַנען איהרע טרעהרען, נאָר וואָס האָב איך איהר געקענט העלפֿען ? סיידען מיט אַ קרעכץ... און איך האָב אָנגעהויבען טראַכטען וואָס טהוט מען אַצונד ? וואָהין פֿאָהרט מען און צו וועמען ?... נאָר דאָ האָט זיך געטראָפֿען אַ מעשה, אַ פּלוצלינג בעגעגעניש מיט אַ פּאַרשוין, וואָס איז כדאַי איהר זאָלט זיך מיט איהם בעקענען פֿון דער נאָהענט.

(פֿאָרטזעטצונג קומט.)

שלום עליכם.

---

זיך נישט קיין איינציגער פּאָליטיקער, וואָס זאָל אַרויסטרעטען אין נאָמען פון גערעכטינקייט?... נאָך אַביסיל געדולד און מיר וועלען זעהען, ווער איז גערעכט".

זאלאס בריעף האָט אַרויסגערופען ווידער אַ גרויסע אויפרעגונג אין פראַנקרייך. א קאמפּאַניע פון עטליכע הונדערט סטודענטען האָבען די נומער פון דער צייטונג, וואו עס איז געדרוקט דער בריעף, מיט לארם פערברענט אין גאַס, אָבער ניט זיי מיט זייער לארם און ניט זאלא מיט זיין פאָדערונג אין נאָמען פון גערעכטיגקייט וועלען איצט קענען אַזוי גיך אויפגראָבען, וואָס איז פון דער רעגירונג אַזוי גרינדליך בעגראָבען און פערשאָטען געוואָרען. י. ל.

---

# בריעף פון ארץ ישראל.

ווי עס האָט זיך אָנגעהויבען צו הערען דאָס די חברה יק"א האָט איבערגענומען דעם ישוב אין ארץ ישראל האָט אַ גרויסער טהייל באלד געזאָגט ביי אונז. דאָס די זאַך איז פערלארען; מען האָט וועניג געגלויבט דאָס יק"א, וועלכע פלעגט שטענדיג אַרויסטרעטען געגען די קאָלאָניזאַציאָן אין ארץ ישראל, וועט איצט נעהמען בויען דעם ישוב. מען האָט אויך וועניג געקאָנט גלויבען, דאָס די חובבי־ציון, די ציוניסטען און די קאָלאָניסטען וועלען קענען פיהרען יק"א נאָך זייער ווילען. מיר ווייסען גאַנץ גוט, אַז ביי אונז ווער עס האָט דאָס געלד, דער האָט די מאכט! און די מיליאָנען פון יק"א וועלען דער חברה געבען גענוג מאַכט זיך אויסצולאַכען פון אַלע געשרייען, וואָס די קליינע מענשעליך, עטליכע פאַנטאזיאָרען וועלען מאַכען... און ווי עס שיינט האַלט עס טאַקי ביי דעם.

גרויס איז געווען דער רעש וואָס מען האָט געמאַכט וועגען די יודישע אַרבייטער אין אַלע בלעטער, אויף דעם קאָנגרעס, די חובבי ציון האָבען אלע איין קול פראָטעסטירט. די דעלעגאַטען, וועלכע זענען געווען אין פּאַריז, האָבען אויסגעווירקט איין בריעף פון דעם פרעזעס פון יק"א אַליין צו איהר פערשטעהער אין ארץ ישראל. און וואָס זשע? נאָך די אַלע צוזאָגעכטסען, זאָגט מען ווייטער יעדען טאָג אָב מאַסען אַרבייטער, און די וואָך האָט ה. פּאריענטי אַליין אָבגעזאָגט 50 מאַן אין זכרון יעקב. דאָס אַליין איז אָבער נאָך וועניג — דאָס צוזאָגען אין דעם בריעף פון ה. ריינאך זיי צו געבען מיטלען אַרויסצופאָהרען פון ארץ ישראל (און דאָס איז דאָך דער גאַנצער מיין!) האָט ה' פּאריענטי צו גאָר ניט געמאַכט: ער האָט געמעלדעט גאַנץ רוהיג, דאָס ער וועט געבען נור צו 50 פראַנק פאַר איין מענשען, דאָס הייסט אַ סומע, וואָס קען קלעקען נור אויף די העלפט וועג פון יפו ביז מארסעל. די אַרבייטער ווייסען ניט וואָס צו טהון, די געדולד הויבט אָן ביי פיעל צו פּלאַצען און אומעטום הערען זיך געשרייען: ארבייט אָדער אַוועק! דאָס געדיכטע קומט אָבער נאָך שפּעטער.

מען נעמט זיך שוין אויך צו די קאָלאָניסטען אין די קאלאָניען, אויך דאָ האַנדעלט מען. אין ראש פנה האָט מען פאָרגעלעגט צו 1000 פר. פאַר די יונגע פאַמיליען, וועלכע ווילען אַוועק; אין מתולה האָט מען איינעם געגעבען 1800 פר.; אין יסוד המעלה 3000 פר.! דאָס שוידערהאַפטעסטע אבער איז אין זכרון יעקב, — נאָך דעם צווייטען קומען פון ה' פּאריענטי אין דער קאָלאָניע האָט ער נאָך אַמאָל געמעלדעט, דאָס די קאָלאָניע קען אויסהאַלטען נור 40 קאלאָניסטען, און פאַר אָלע איבריגע איז דאָ נור איין מיטעל: צו פערלאָזען דאָס לאַנד. די קאָלאָניסטען האָבען נעפּרובירט פאָרלעגען צו געבען אַ געוויסע סומע פאַר די איבריגע, כדי זיי זאָלען קענען זיך בעזעצען אויף איין אַנדער פּלאַץ און ניט דאַרפען אַרויספאָהרען פון ארץ ישראל, מען האָט אָבער זייער פאָרשלאַג ניט אָנגענומען און מען גיט צו 400 פר. פאר אַ נפש (אַ נייע טאַקסע!) מיט דעם בעדינג נור אַוועקצופאָהרען פון דער קאָלאָניע!...

די קאָלאָניסטען זענען זיך צוגאַנגען מיט ה' פּאריענטי און זענען גרייט זייערע רעכטע צו פערלאַנגען. די לאַגע איז זעהר ערנסט און אויך געפעהרליך.

ווי מען פערזיכערט פיהרט ה' פּאריענטי פאַר די קאָלאָניען פון יהודה נאָך שטרענגערע בעפעהלען: מען וויל אפשר דאָ־ט די קאָלאָניסטען ניט צוטרייבען, דען זיי האָבען גענוג הכנסה פון די גערטנער, מען וועט אָבער די פרייזען אַזוי הערונטערזעצען, דאָס עס וועט זיין אונמעגליך צו עקזעסטירען, אָדער מען וועט אויפהערען צוצונעהמען אַלע טרויבען אין די קעלערן און דאַן וועלען די קאָלאָניסטען מוזען אַליין צולויפען!...

ווי ווייט דאָס איז אמת, קען מען נאָך דערווייל ניט וויסען, מיר וועלען באַלד זעהן ווי אַזוי יק"א וועט פערפעסטיגען די קאָלאָניען אין יהודה, מיט וואָס פאַר מענשליכע געפיהלען זי וועט זיך בענעהן מיט די, וועלכע האָבען מיט זייערע יאָהרען, מיט זייער בלוט און פערמעגען געוואָלט אויפבויען דעם ישוב.

דער אַלטער ציוניסט.

---

# בריעף אויס ווארשא.

די פאַבריק פון לעבען שטעהט נישט; דאָ און דאָרט ווערט אַמאָל אַ רעדעל צו שאַנדען, ערגיץ אַנדערש סקריפּעט, ווי איין אָנגעשמירטער וואָגען; די פאַבריק דאָך שטעהט נישט, נייעס וועט זיין, אֲפילו אין אונזער אָרימער, יודישער וועלט... היינטיגעס יאָהר וועלען זיין וויבאָרען אין "קהל־שטוב" אַריין און מיר וועלען געוואָהר ווערען, ווי ווייט עס איז פון ווארשא קיין וויען... אַ ניי בעשטעטיגטע יודישע חֶבְרָה שֶׁל צְדָקָה קוקט זיך אום וועגען אַ ראש, און מיר וועלען באַלד וויסען פון וועלכען "קאָפּף" מען וועט זי פיהלען... באַלד וועט מען אָנהויבען טהיילען קוילען פאַר אָרימע לייט, מיטאָגען און ברויט פאַר אָרימע לייט און תַּלְמוּד תּוֹרָה קינדער; עס וועלען אַמאָל קורסירען וועגען מיט הייסע כָּשֵׁר'ער זופּע פאַר יודישע אַרבייטער; מָשִׁיחַ וועט אויך אַמאָל קומען... דערווייל וועלען מיר שמועסען פון פּוּרים באַל, פון הייעהריגען פורים־באַל, וואָס יודישע ליטעראַטען ווילען מאַכען גלייך ווי פאַר אַ יאָהרען. [illegible] יהר מוזט וויסען, אַז אויב זיי וועט געראָטען דאָס יאָהר און נאָך איבער אַ יאָהר, וועלען זיי שוין האָבען אַ חֲזָקָה, אַ טראַדיציע אויף אַ פורים־באַל, און עס וועט שוין קיינעם נישט אויסשטעכען די אויגען... אייגענטליך פון פורים־באַל. אַליין האָב איך נאָך וועניג וואָס צו דערצעהלען, עס איז דערווייל אַ בלוטס־טראָפּען, וואָס האָט נאָך כִּמְעַט דריי חֳדָשִׁים צום אויסשטעהען און אויספּיקען זיך פון דער שאָל; עס איז ערשט אַ פּלאַן און מיט פּלענער, זאָגט מען, איז אויסגעפלאַסטערט דאָס גֵיהִנּוֹם... איך וויל אייך נור איבערגעבען אַ געשפּרעך, וואָס איך האָב געהאַט וועגען פּלאַן פון פורים באַל מיט מאַדאַם קאַצעניאָמער. דאָס געשפּרעך רעכען איך פאַר אינטערעסאַנט, ווייל מאַדאַם קאַצעניאַמער, איז נישט קיין בַּת יְחִידָה אין ווארשא; זי איז איינע פון די עטליכע טויזענד קאַצעניאַמער, וואָס וואָהנען אין סאַלאָנען, דייטשען

זיך און פודרירען טראָגען פיינע קליידער און צירונג און טאַנצען אויף חתונות און בעלער... שלעכטע צי גוטע צייטען, — דערוויל האָפּט מען אַ טענציל. אָהן די עטליכע טויזענד קאַצעניאַמערס, וואָלט אין וואַרשא קיין איינציגע צדקה־חברה, וואָס איז געבויט אויף טענץ פאַר אָרימע לייט, נישט געקאָנט בעשטעהען, און אפילו אַ פורים־באַל, קען אויך געראָטען נור דעמאָלט, אויב די עטליכע טויזענד קאַצעניאַמער וועלען איינוויליגען, בעשטעהען און קומען האָפּען אַ טענציל...

מאַדאַם קאַצעניאַמער, איך מיין די, פון וועלכער איך רעד, איז מיינע אַ בעקאַנטע, דאָס הייסט, איך האָב אַמאָל, ערגיץ אויף אַ חתונה, געהאַט דאָס גליק צו טאַנצען מיט איהר אַ קאַדריל, צו פיהרען זי דערנאָך צום טיש און, נאָך אַ טאָאַסט: "די דאַמען זאָלען לעבען", איהר איינצורוימען, אַז, אייגענטליך דער עִקר, האָב איך זי געמיינט...

דאָס איז עס געוועזען אין גאַנצען. מיט דער צייט האָב איך אין דעם אַלעם פערגעסען; דער נאָמען מיט'ן צונאָמען "מאַטילדא קאַצעניאַמער" זענען מיר, ווי לייכט אַריין, אַזוי אַרויס פון זִכָּרון... בְּשעת איך האָב געהאָלפען דער חברה ליטעראַטען צו אַדרעסירען איינלאַדונגען אויף דער ערשטער אֲסִיפָה וועגען פורים־באַל, און עמיץ האָט מיר פאָרגעלעזען פון אַ ליסטע: מאַדאַם מאַטילדא קאַצעניאַמער, האָט דער קלאַנג פון נאָמען און צונאָמען מיך גאָר נישט דערמאָנט. אַצונד ווייטער, אַז איך האָב מיך צופעליג, פאַר דער אסיפה, געטראָפען מיט מאַדאַם קאַצעניאַמער ביי אַ בעקאַנטען אויף טהעע, אַז זי האָט מיך אָוועקגערופען אין אַ רוהיג ווינקעלע, און ווייזענדיג די איינלאַדונגס־קאַרטע, וואָס איך אַליין האָב אַדרעסירט, געפרעגט צי איך ווייס נישט צופעליג, וואָס פאַר אַ הֲיוֹת עס זענען אַזוינס "יודישע ליטעראַטען", האָב איך געהאַלטען פאַר נייטהיג, זיך נישט מוֹדה צו זיין פאַר דער חברה... איך האָב עס געטהון נישט אומזיסט, איך קען דאָס מין קאַצעניאַמער, און ווייס, אַז עס איז צו געבילדעט, צו פיין ערצויגען, עס זאָל עמיצען זאָגען דעם אמת אין די אויגען אַריין; זי וואָלט פערשניערט דאָס גערייטעלטע מיילעכיל, זי וואָלט זיך פערשלאָסען, ווי אַ בלום פאַר'ן רעגען, און געפּטר'ט מיך מיט גאָר נישט, איך אָבער האַלט פאַר נייטהיג צו וויסען, וואָס דער עולם זאָגט, בִּפְרָט — וואָס דער ווייבערישער עוֹלָם זאָגט און, עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה, בְּנוֹגֵעַ צו'ן אַ באַל, אַ טענציל, ביי וועלכען מען קען זיך, ווי אין סוּכָּה, אָהן עלעגאַנטע ווייבער נישט בעגעהען.

איך ענפער דעריבער: ווייס איך? מִן הַסְּתָם זענען דאָ אַזוינע, מען זאָגט, אַז עס זענען פאַראַהאַנען יודען; מען זאָגט, אַז דאָס רוב יודען קענען לעזען, — מן הסתם האָבען זיי וואָס צו לעזען; מוזען זיי האָבען אַ ליטעראַטור, און, אויב עס איז פאַרהאַן אַ ליטעראַטור, מוזען זיין שרייבער אויך... די שרייבער ווייטער זענען געוויס מענשען, אַ מענש וויל זיך אַמאָל פערוויילען, מאַכען זיי אַ באַל, און ווייל זיי זענען י ו ד י ש ע שרייבער — אַ פורים־באַל!

מאַדאַם קאַצעניאַמער שניערט דאָס מיילעכיל. אַז עס זענען פאַרהאַן יודישע ליטעראַטען, האָט זי געוואוסט; זי קען אפילו נישט איינעם פון די לייט. זיי שרייבען אין קוריער, פשעגלאָנד טיגאָדנאָווע, ניוואַ... אין איין ראַלא דרוקט מען נישט פון קיין יוד... אין קוריער־פּאָראַנני שרייבט איהרס אַ קָרוֹב, זעהר איין אינטערעסאַנטער מענש... ער שרייבט וועגען וויכטיגע יודישע לְוָיוֹת, וויפיעל עוֹלם עס איז געגאַנגען נאָך דער מִטָּה, וויפיעל קרענץ עס זענען געוועזען און דערגלייכען... נאָך איינער איהרס אַ בעקאַנטער, ארבייט אין אַ פּויליש וויצענבלאַט; אויסער דעם האָט ער אַרויסגעגעבען אַ בעזונדער ווערק, אַ היסטאָריש ווערק; נעמליך — די געשיכטע פון די וואַרשויער קאַנדיטאָרייען; ער איז אַזוי ליעבליך געוועזען און האָט איהר געשענקט איין עקזעמפּלאַר; זי האָט איהם איינגעבונדען אין סאַמעט. ער ליגט ביי איהר אין בודואַר, אויפ'ן קליינעם פּליושענען טישעל, צווישען דריי נעססעסערס... פיין געבונדען...

— נאַר, די אַלע — זאָגט זי — האָב איך געפרעגט וועגען פורים־באַל און קיינער פון זיי ווייסט פון נאָר נישט צו זאָגען. איינער אפילו האָט פערקרימט די נאָז, ער פיהלט זאָגט ער, אַ רֵיחַ פון ציבעלעס...

איך גיב איהר צו פערשטעהן, אַז איהרע בעקאַנטע זענען אפשר ליטעראַרישע יודען, נאָר נישט קיין יודישע ליטעראַטען. פונקט ווי אַ פּאָלאַק, וואָס שרייבט פאַר דייטשען איז נישט קיין פּוילישער ליטעראַט... יודישע ליטעראַטען שרייבען פאַר יודען...

מאַדאַם קאַצעניאַמער פערקנייצט אַ ביסיל דעם שטערן. ביי איהרע פערציג יאָהר זעהט זי מיר אויס ווי אַ קינד, וואָס האָט פאַר זיך אַ שווערע אויפגאַבע, וואָס מוז, געביך, צורעגען מח און עס גלוסט זיך נישט.

ענדליך טרעפט זי, אַז יודישע ליטעראַטען זענען אַזוינע, וואָס שרייבען, לְמָשָׁל, אין איזראַעליט...

איך זאָג איהר, מיט גרויס דרך־אֶרץ נאַטירליך, אַז זי האָט נ י ש ט געטראָפען. איזראַעליט, צייטונג־דעס־יודענטהום, וואָסחאָד און בודושטשנאָשטש־שרייבער, זאָג איך, זענען אָדער אָנפענגער, וואָס זענען אין יודישען בלאַט אויף דער לערן, און קוים קענען זיי אַ נאָל אַריינשטעקען, געהען זיי איבער ערגיץ אַנדערש, וואו מען קען און מען צאָהלט בעסער; אָדער עלטערע מַשְׂכִּילִים, וואָס האָבען ליעב צו אַרבייטען אויף אַלע וואַרשטאַטען, צו שפּיעלען אויף אַלע כֵּלִים... אָדער נאָך גרעניץ־יעגער — אֲמֶת'ע ספּעציאַליסטען פאַר אַזוינע בלעטער. זיי פיהרען אונזער מִלְחָמָה אויף דער גרעניץ, הויבען אונזער פאָהן אויפ'ן וואַלל, וואָס טהיילט אָב דאָס יודענטהום פון דער רעשט וועלט . . . קוים רעדט עמיץ אַ שלעכט וואָרט אַרויס, לאָזט זיך דער יודישער "אָביעשטשיק" הערען. אַ קול האָט ער געוועהנליך אַ ווייכס, איין אָנגענעהמס און אַ שֵׂכֶל ווי איין ענגבויר ... גְּמָרָא־קעפּליך מיט האָניג צונגעל... ווי הייסט, זאָגט ער, יודען זענען גַנָבִים? ערשטענס זענען גאָר קיין יודען נישט פאַרהאַן, נאָר אַלט־גלייביגע; צווייטענס זענען די יודען קיין גנבים נישט, אַ וְהָא רְאָיָה, אַ יודישער קוטשער, דער און דער, פון דאָרט און דאָרט, האָט געפונען אַ בייטעל מיט געלד און אָבגעגעבען, האָטש עס זענען קיין עֵדוּת נישט געוועזען; ער האָט אפילו קיין געפין־געלד נישט גענומען... און וואָס זאָגט איהר "קהל"? קהל איז שוין לאַנג עָבַר וּבָטֵל און די קהל'ס־לייט זענען אמת'ע, געטרייע, הינטיש געטרייע בירגער... וּכְדוֹמֶה... יענער אויף דער גרעניץ דאַרף מען, נוצליך זענען זיי, נאָר אַ פעהלער האָבען זיי אויך. זיי שטעהען שטענדיג מיט'ן פּנים צו די אוּמוֹת העוֹלָם און מיט די פּלייצעס צו דער כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל, דעריבער זעהען זיי נישט אַז די כנסת ישראל שטעקט זיי אַרויס די צונג, ממש די צונג... דאָך, ווי געזאָגט, נוצליך זענען זיי. אויב נישט פאַר פּשוּט'ע יודען, זענען זיי נייטהיג פאַר די נאָך־יודען, פאַר די יאָלקע־יודען, פאַר אַזוינע, וואָס האָבען זיך שוין געזעגענט מיט'ן תנכ"ל, מיט'ן סדור'ל, נאָר נאָך נישט מיט דער דייטשער שוהל יום־כִּפּוּר, מיט'ן פּרעדיגער, מיט אַ פיינעם אַרטיקעל געגען אַנטיסעמיטען אין איזראַעליט... דאָס אָבער מוזט איהר, מאַדאַם קאַצעניאַמער, וויסען, אַז יענער זענען קיי רעכט מיליטער!

אמת'ע יודישע ליטעראַטען זענען די, וואָס שטעהען מיט'ן פּנים צום ה י י מ י ש ע ן עוֹלם... דאָס זענען נישט קיין יענער אויף די גרע

ניצען נאָר דער גאַרניזאָן פון אינעווענינ, די מיליציע... זיי קומען אַרויס פון פאָלק, פון זיינע חדרים, און רעדען צום פאָלק, צו מענער, ווייבער און קינדער. זייער לשון איז דאָס לשון פון בית־המדרש־לומדים־לשון־הקדש, אָדער דאָס לשון פון בעלי־מלאכות, קליינע סוחרים, יודישע ווייבער—פּראָסט יודיש. תנ"ך—און גמרא־לשון, אָדער צאֶינָה־וּראֶינָה און תְּחִנָּה־לשון; סיי ווי סיי — יודיש; אַ ל ט אָדער נ י י יודיש...

— אַ סך איז דאָ אַזוינע? — פרעגט מאדאם קאצעניאמער פעראינטערעסירט.

— אפשר ווענינ, צו בעשאַפען אַ גרויסע, פרייע ברייטע און טיעפע ליטעראַטור, נאָר גענוג — צו מאַכען אַ פורים־באַל... אייגענטליך וואַקסט די צאָהל פון יודישע ליטעראַטען פון טאָג צו טאָג... דאָקטוירים שרייבען, אינזשעניערען... — בעריהם איך מיך. —

— און זיי העלפען מיט צום פורים־באַל?

— אַזוי וויט בין איך נישט קלאָר, מען זאָגט, אַז ווי קליין דער יודיש ליטעראַרישער עולם איז נישט, קען ער זיך נאָך נישט צוזאַמען האַלטען... עס זענען פאַרהאַן גאָר אַלטע, מיטעל־יעהריגע און גאָר יונגע... אויסער דעם צופאַלען זיי זיך אויף פערשיעדענע פּאַרטייען... נאָר בנוגע צום פורים־באַל קען זיין, אַז זיי וועלען זיך צוזאַמען האַלטען.

— אַזוי וויכטיג איז עס?

— געווים! ווענינסטענס — אַ רעקלאַמע! ווענינסטענס ווערט מען געוואָהר, אַז זיי לעבען, אַז זיי עקזיסטירען!

— און ווער געהט אויף אַזאַ באַל? פון פובליקום מיין איך.

— ווער? גרויסע מיוּחסים נישט, געווים נישט... דער מיטעלער עולם, זאָגט מען, געהט. עס געהען נישט, למשל, די, וואָס מאַכען אין דער היים קריסטען ביימער (יאָלקעס); וואָס מיינען, אַז ראש השנה געפאַלט דעם ערשטען יאַנואר; וואָס עסען, צוליעב דער קאַטוילישער דיענסט, פרייטאָג מיליכינס; וואָס האָבען מורא זיך אָבצושטעלען אין גאַס און געבען עפּיס אַ יודישען בעטלער, מען זאָל זיך נישט דערוויסען, אַז זיי האָבען יודישע הערצער, אַזוינע וואָס ווייסען אַזוי פּיעל פון יודישקייט, וויפּיעל דער פרעדיגער דערצעהלט זיי אויף שען, הויך און אָנגעשוואָלען פּויליש, וכדומה, די אַלע געהען נישט... אַנדערע אָבער, מיטעל־מעסיגע לייט, געהען און שעפּען נחת: זיי זאָגען, אַז עס איז זעהר אינטערעסאַנט...

— מען טאַנצט?

— דאָס אויך. דער עיקר זענען די קאָסטיומען... אָדער די "פּורים שפּיעלער", ווי דער "פּשעגלאָנד טיגאָדניאָווי" האָט פאַר יאָהרען געזאָגט. אויפ'ן ע ר ש ט ע ן פורים באַל האָט מען פאָרגעשטעלט אַ היסטאָרישע פּראָצעסיע... אַ גאַנג בילדער פון דער יודישער היסטאָריע. פריהער איז דורכגעלאָפען אַ יוד פון מצרים...

— געלאָפען?

— נאַטירליך. אַ קליינינקייט! די ערד האָט אונטער איהם געברענט, ער אַנטלויפט פון פרעה, פון מצרים, פון קנעכטשאַפט, פון זלזולים! עס ווייזט אויס, אַז אַ יוד איז אויך אַ מענש און וויל זיין פריי... מוז מען שוין בויען פּיתום ורעמסס, וויל ער בויען פאַר זיך, ביי זיך אין דער היים... האָט מען אָדם'ען און דערנאָך קַיִן'ען פערשאַלטען מיט אַ ר ב י י ט, וויל ער אַרבייטען פאַר זיך... דערנאָך האָט זיך טאַקי בעוויזען אַ רוהיגער יוד, אַ גבור אַ הויכגעוואַקסענער, שטאַלצער, אַ יוד אין דער היים — — — —

— און דאָס יאָהר וואָס וועט זיין? האָקט מיר איבער מאַדאַם קאַצעניאַמער.

— דאָס יאָהר, אויב איך האָב ריכטיג געהערט, ווילען זיי ווייזען גאָר פיינע זאַכען, גאָר פיינע.

— למשל?

— ערשטענס זאָל געהען אַ סימבאָליש בילד... דער סְנֶה...

— וואָס איז אַזוינס סנה?

— זי געדענקען נישט פון חומש?

— באַ! —

דאָס הייסט: לאַנג פערגעסען און אפשר: גאָר נישט געלערנט... די תּורה דערצעהלט, אַז משה רַבֵּינוּ, ווען ער האָט געפּאַשעט יִתרו'ס שאָף, האָט דערזעהן אין דער מִדְבָּר אַ ברענענדיגען דאָרן, אויף העברעאיש: סנה, דער דאָרן האָט געברענט און האָט זיך דאָך נישט פערברענט... די יודישע שרייבער זאָגען, אַז דער דאָרן איז אַ יודישער סימבאָל, איין אמת יודישער הערב! יודען ברענען און ווערען נישט פערברענט... יודען ליידען און האַלטען אויס און לעבען און ווילען, און וועלען אייביג לעבען... מיט דעם סנה וועט זיך אָנהויבען דער פורים־באַל... עס וועט זיך בעווייזען דער סנה און משה רבינו ביי'ם סנה... ער וועט שטעהן ביי'ם סנה פערקלערט, אויפ'ן הייליגען פּנים וועט זיך אויסמישען אי צער, אי טרייסט, אי שטאָלץ, וואָרום...

— איך פערשטעה, — מאַכט מאַדאַם קאַצעניאַמער אונגעדולדיג.

איך בין מְסוּפָּק צי זי פערשטעהט און דערצעהל ווייטער:

דערנאָך וויל מען ווייזען, ווי יודען זעהען אויס אין פערשיעדענע לענדער, ווי אַזוי זיי קליידען זיך, בעווענען זיך, און, אויב עס וועט מעגליך זיין, ווי אַזוי זיי רעדען, עס וועט זיין אַ ירושלים־יוד, אייגענטליך צוויי — איין אַלטער, וואָס האַנדעלט מיט ארץ־ישראל־ערד פאַר מתים, און אַ יונגער, וואָס שיקט אַרויס כרמל ווין קיין אייראָפּא, אַפריקא און וואו די וועלט האָט נור איין עק... זיי טרינקען כרמל־וויין, מאדאם?

— ניין... מיר ניצען אונגאַר־וויין...

— זאָל אייך זיין צו געזונד, — זאָג איך — נאָר כרמל־וויין איז אויך פאַרהאַנען; פריוואט אַ מאָל... עס איז נישט יין־נסך און קען פאַרט זיין גוט... איך טרינק ג אָ ר נישט, נאָר מען זאָגט — נישט קיין שלעכטער וויין... דערנאָך וועט געהען אַ חינעזישער יוד, אַ בן ישראל, אַ „ביק" פון קאַווקאַז, אַ שוואַרצער יוד פון קאָכינחינא, אַ שוואַרצליכער פון אַביסיניען, אַ קאָלאָניסט פון אַרגענטינא, — מאָזעס־ווילל, איין אַמעריקאַניזירטער יודישער יאַנקע, נישט פון פריש געבאַקענע גרינע, נאָר איין אמת'ער, מיט די פיס אויפ'ן טיש... אַ קאַווקאַזער סור־באָטניק, אויך אייגענטליך אַ יוד, אַ האָלענדישער ספרד, אַ יודישער אָנגעבלאָזענער מיוחס, אַ קרומער, אַ איינגעטרוקענטער, אויסגערייכערטער קאַראַים... אַ הערסאָנער קאָלאָניסט... און נאָך, און נאָך... שפּעטער וועלען זיך בעווייזען פראַנצויזישע, דייטשע, ענגלישע, רוסישע, ליטווישע, פּוילישע יודען, אסימילירטע, מאַסקירטע, פערשטעלטע, נאָר דאָך יודען... אפשר וועט זיין אַ מין דרייפוס... ווייס איך?!

— צו וואָס איז עס?

— מען זאָל זעהן, וואָס פאַר אַ פּנים מיר האָבען אין גלות... ווי עהנליך מיר זענען זיך איינס צום צווייטען... אפשר וועט אַ וויענער ראש הקהל הייסען אַרויסוואַרפען אַ רומענישען עמיגראַנט, וועט זיין אַ לוסטיגער סקאַנדאַל...

— און מיט'ן סקאַנדאַל וועט זיך ענדיגען ?

— אָה, ניין! מען וועט אַרויסוואַרפֿען דעם ראש הקהל און אַריינפֿיהרען יודעליך פֿון פֿערשיעדענע קלאַסען; אַ יודישען אַרבייטער אין פֿאַבריק... איינעם נור, ווייל מיר האָבען וועניג יודישע אַרבייטער אין פֿאַבריקען, ערשטענס, לאָזען זיי די קריסטליכע חברים נישט צו צו דער אַרבייט, צווייטענס שטערט דער שבת... ווען עס זאָלען זיין אַ סך יודישע פֿאַבריקען, וואָס זאָלען האַלטען שבת, נישט זונטאָג, וואָלטען מיר געהאַט אַ סך יודישע אַרבייטער... וואָלט דער מיטטעל־שטאַנד, וואָס פֿאַלט אַליץ טיעפֿער און טיעפֿער אַראָב ביז דער גע־וועהנליכער אַרבייט מיט בלוט און שוויס, נישט געברויכט זוכען די אַרבייט אין אַפֿריקא אין אַמעריקא; זיי וואָלטען זי געפֿינען דאָ, ביי אייגענע ברידער... ליידער האָבען מיר וועניג יודישע פֿאַבריקאַנטען, חאָטש פֿאַבריקאַנטען יודען פֿעהלט נישט... דערנאָך וועלען געהן: יודישע בעלי־עגלות, שוסטער, שניידער, שטיין־קלאַפּער, דאַכבעשלעגער וכדומה אַלערליי בעלי מלאכות...

— אַ וויכטיגע זאַך...

די בעסערע וועלען אויך נישט פֿעהלען: אַ פרעדיגער און אַ באַנקיער, אַ מעקלער אויף דער בערזע, אַ לאָמבאַרדזיסט, אַזוי אַ גרויסער סוחר, ווי דען ?... אַלע אפילו מיט די ווייבער... דאָס איז די גרויסע שטאָדט... ערשט דערנאָך וועט געהען דאָס קליינע שטעדטיל: קודם כל — דער רב מיט די דיינים, מיט שמשים, סאַרווער, בעדער, מיט מוהלים, מלמדים, מקבלים, קבצנים און מיט אַ שבת־גוי איין שורה... אַחוץ גבאיתות, טיקערנס, תהלים־זאָגער, נושאים לייט וכדומה... היינט דער „פני" — דאָזאָרצים, גבאים, שענע יודען, בעלי טובות — דאָס גאַנצע קלאַפּערגעציינ; פֿערשיעדענע בעלי־מלאכות, סוחרים און מעקלער, היינט — איין עגונה, אַ בטלן, אַ משולח, אַ שטאָדט שייגיץ, מיט אַ שטאָדט משוגע, אַ שטאָדט־מסר מיט אַ שתדלן... און נאָך... און נאָך...

מאַדאַם קאַצעניאַמער מאַכט אַ זויערע מינע. עס געפֿעלט איהר נישט... מען וועט מאַכען לייטען־געלעכטער; די אויגען אויפֿרייסען, געבען מאַטעריאַל פֿאַר אַנטיסעמיטען, פֿאַר צייטונגען צו שיטען מיט בלבולים, מיט... מיט... מיט...

מאַדאַם קאַצעניאַמער האָט דאָך אַ יודיש האַרץ; אַ ציטעריג, דערשראָקען, צאַפּעלדיג יודיש האַרץ... דאָס גאַנצע בלוט קומט איהר אין פנים אַריין און פֿערשווינדט; די אויגען פינטלען, פֿלאַטערן, די צונג שטאַמעלט...

איך וויל זי בערוהיגען.

— דאָס זענען דאָך יודישע שרייבער, זאָג איך. זיי האָבען זייערע צייטונגען און קוקען דעריבער נישט אויף פֿרעמדע; זיי קוקען אפילו נישט אויף אייגענע — מוסרים... אויך זאָגען זיי, אַז אַ שטרויס איז אַ נאַר; אַז ער מאַכט די אויגען צו, מיינט ער אַז יענער זעהט נישט... זיי ווילען אַליץ זעהען און אַליץ ווייזען... אַ קראַנקען, זאָגען זיי, וואָס האָט שוין קיין הילף נישט, הייסט מען פֿערגעסען אין דער קרענק... מיר זענען, זאָגען זיי, נישט אַזוי געפֿעהרליך, מיר מוזען זיך קוריערען נישט פֿערנאַכלעסיגען; מיר מוזען די קרענק שטודיערען, אַ ריכטיגע דיאַגנאָזע שטעלען און טהון, וואָס מען דאַרף און קען...

— וואָס דאַרף מען, וואָס קען מען ?

— מען דאַרף אַ סך, מע קען אויך נישט וועניג... צוזאַמענהאַלטען זיך איז די ערשטע זאַך... אויפֿלעבען, פֿריי אויפֿאָטהמען און — לעבען...

דאָס, זאָגען זיי, וועט ווייזען דאָס לעצטע סימבאָלישע בילד... יחזקאל הנביא'ס טהאָל מיט ביינער...

זיי ווילען ווייזען אַ בית־עולם, אַ פערשטימט טרויריג, וויסט בית עולם מיט צוואָרפֿענע, טרוקענע ביינער... פגרים צוואָרפֿענע... יחזקאל הנביא קומט אָן, ער רעדט און די ביינער גענעהנען זיך איינער צום צווייטען; ער רעדט, און די ביינער ווערען פֿול מיט זאַפֿט, שליעסען זיך צוזאַמען, בעדעקען זיך מיט אַ הויט, עס ליגען מענשען, לעבענ־דיגע מענשען, זיי אַטהמען, בלוט, לעבענדיג, וואַרעם בלוט פולסיערט אין זיי... און די מענשען ווילען אויפשטעהען און העלפֿען איינער דעם אַנדערען אויפשטעהען און זיי שטעהען אויף און פלוצלינג — בעווייזט זיך נאָך אַמאָל דער סנה... דער סנה, וואָס ברענט און ווערט נישט פֿערברענט...

— און דאָס אַליץ וועלען יודישע ליטעראַטען אויספֿיהרען ?

— אויב די געזעלשאַפֿט וועט זיי ביישטעהען...

מאדאם קאַצעניאַמער שווייגט.

— אויסער דעם, זאָג איך, וועט מען טאַנצען, פֿיעל טאַנצען... זעהר פֿיעל טאַנצען...

— אָה!

מזל טוב! מאדאם קאצעניאַמער געהט...

ישראל שווערגעמוטה.

# די יודישע וועלט.

**עסטרייך.** = יודישעס מוזעאום. שבת אבענד דען 15.12 איז געוועזן אַ אספה כללית פון דער וויענער חברה צו זאמלען און צו דערהאלטען היסטאָרישע און קונסטדענקמעלער פון די יודען. פון די בעריכטען פון פרעזידענט ווילהעלם סטיאסני האט מען ארויסגעזעהען, ווי רייך און אינטערעסאנט עס איז די זאמלונג פון די יודישע דענקמעלער אין דעם יודישען מוזעאום און ווי זי פערגרעסערט זיך פון יאהר צו יאהר. דער קאמיטעט האט זיך געשטעלט צום ציעל אפט איינצוריכטען אויסשטעלונגען פון די געזאמעלטע חפצים און צו האלטען רעפעראטען וועגען פערשיעדענע ענינים, וועלכע זענען נוגע יודישע היסטאריע און יודישע קונסט. ליידער פעהלט אבער געלד אויסצופיהרען דאס גאנצע פראגראם פון דער חברה.

די לעצטע צייט האט די חברה בעקומען פאר דעם יודישען מוזעאום אלס געשענק טייערע קאפיען פון די בילדער פון דער סעראיעווער הגדה — איין אלטער כתב־יד פון אהגדה מיט בילדער — און אויסער דעם זענען געווארען ארויסגעשטעלט אין מוזעאום 8 בילדער צו „שיר השירים" פון פראפעסאר שויער.

= אַ סטודענטען־אבענד. די אוניווערזיטעט און טשערנאוויטץ האט געפייערט איהר 25 יעהריגען יובילעאום, און דער אקאדעמישער ציוניסטישער פעראיין „האסמאנעא" האט לכבוד דעם יום־טוב געמאכט איין פעסט־אבענד. אויף דעם יום־טוב איז געקומען א גרויסער עולם: פראפעסארען, סטודענטען, דער בירגערמייסטער, געמיינדערעטהע, רבנים און אנדערע פארנעהמע מענשען. די פעסטרעדע האט געהאלטען דער סטודענט קליגער. נאכדעם ווי ער האט ערקלערט די בעדייטונג פון דער טשערנאוויצער אוניווערזיטעט, וועלכע איז א מקום פון שלום און ברכה פאר דעם גאנצען לאנד, האט ער געזאגט: „נאכדעם ווי די יודען האבען פערלארען זייערע מאטריעלע אוצרות זענען די גייסטיגע אוצרות זיי געווארען ערשט טייער. פון אלע צרות און סכנות האבען די יודען ארויסגעראטעוועט זייער תורה — זייער בעסטען אוצר. ווען פון אלע זייטען האבען אויף זיי געלאקערט טוידט און פערדערבען, ווען די טויערען פון גהעטא האבען זיי אבגעזונדערט פון דער גאנצער וועלט, איז דער יוד געזעסען פערטיעפט אין זיינע ספרים. ער האט געוואוסט אז די תורה איז דער יסוד פון זיין לעבען, זיין טרייסט און זיין האפנונג. שטענדיג האט אבער דער יוד אויך געגלוסט צו געניעסען די פרוכטען פון דער חכמה, וועלכע איז געוועזן פאר איהם פערשלאסען, און בשעת ער האט בעקומען די מעגליכקייט דערצו האט ער זיך צוגעהאפט צו דער חכמה ווי א טוידטהונגעריגער און געלערענט מיט חשק, מיט דעם גאנצען הארץ. די אוניווערזיטעט איז א צופלוכטסארט פאר די גערריקטע, דען פאר דעם ליכט פון דער בילדונג צושפרייט זיך דער פינסטערער נעבעל פון

פאנטיזם און שנאה". ה' קליגער האט געענדיגט זיין רעדע מיט אוואריםע ברכה דער אוניווערזיטעט און די פראפעסארען. אויף דער רעדע האט געענטפערט דער רעקטאר פון אוניווערזיטעט דר. הויקע, און דאנקענדיג דער חברה "האסמאנעא" פאר איהרע ברכות האט ער געזאגט: "דער צוועק, דער יסוד פון אייער פעריין איז צו דערהאלטען די יודישע נאציאן מיט איהר אייגענעם כאראקטער און מדות, איך מוז אייך זאגען אז אייערע איבערצייגונג, וועלכע איהר ווייזט טאקי ארויס בפועל, מאכט אייך פיעל כבוד, בעזונדערס אין היינטיגער צייט, ווען יודען האבען אזוי פיעל געגנער. עס געוועגדט זיך נאטירליך פיעל אן דעם וואס פאר אמיטלען מען בענוצט צו דערגרייכען א גוטען און ריכטיגען צוועק, נאר איך קאן אייך בעגליקווינשען דאס איהר האט אויך אויסגעקליבען דעם ריכטיגען מיטעל: צו שטודירען די יודישע ליטעראטור". אויף דעם כוס של ברכה, וואס דער סטודענט שור האט געטרונקען לכבוד דער שטאדט טשערנאוויטץ, האט דער וויצעבירגערמייסטער דר. רייסס געענטפערט, אז די מיטגליעדער פון דער חברה "האסמאנעא" פערדיענען דעם לויב פון כאראקטערפעסטע יונגע לייט, וועלכע קעמפפען פאר איין איידעלען און הויכען רעיון און האבען אויף זייער זייט די ליעבע פון אלע געבילדעטע קלאסען". נאך די רעדען האבען די סטודענטען געזונגען ליעדער און פערברענגט פרעהליך די צייט ביז דעם פריהמארגען.

*

**רוסלאנד.** = סענאטסערקלערונגען. דער סענאט האט ערקלערט אז אויב א יוד דיענט אלס פריקאשצשיק אין א זאוואד אויסער דער טשערטא איז ער נישט עובר דערמיט די געזעצען פון 3 מאי, ווייל זיין וואהנען אויף דעם ארט איז א צייטווייליגער.

— עס איז געוועזן א פאל, דאס א יוד, וועלכער האט געוואהנט אין א דארף, איז אריבער געפאהרען אין איין אנדער דארף, וועלכעס איז אבגעריקט פון ערשטען נישט מעהר ווי 100 טריט. דער סענאט האט ערקלערט אז אזעלכע דערפער, חאטש זיי האבען בעזונדערע נעמען, הייסען ווי איינס, און דער יוד איבערגעהענדיג אין דאס אנדערע דארף, האט נישט פערלארען דאס רעכט דארט צו וואהנען.

*

**דייטשלאנד.** = א היים פאר יודישע בארמהערציגע שוועסטער. אין מינכען איז געגרינדעט געווארען א "היים" (ארט צו וואהנען) פאר יודישע קראנקענפפלעגערינס, אדער יודישע בארמהערציגע שוועסטער. פון בערלין האט מען געשיקט איין ערפאהרענע און פעהיגע קראנקענפפלעגערין זי זאל זיין אבערשוועסטער אין מינכען. דאס היים איז זעהר פיין איינגעריכטעט און בעשטעהט פון איין עס צימער, געזעלשאפטסצימער, קאנטאר, און 3 צימערען פאר די שוועסטער. דאס היים שטעהט אין פערבינדונג מיט דעם פריוט פון דער יודישער קהלה און די יודישע שוועסטער זענען מחויב אכטונג צו געבען אויף די קראנקע פון פריוט. אזעלכע "היימען" פאר יודישע שוועסטער זענען דא אויך אין בערלין פראנקפורט און קעלן און די יודישע פפלעגערינס ווערען געהאלטען פאר זעהר פעהיג און טריי און אפט גענומען צו קראנקע.

— ציוניסטען אלס געוועהלטע. אין די וואהלען פון די ראש הקהל אין קעלן האבען גובר געוועזן די ציוניסטען, און צוויי ציוניסטען־קאנדידאטען הה' וואלפסאהן, איינער פון די באנק דירעקטארען, און ה' קלעעף זענען אויסגעקליבען געווארען אלס מיטגליעדער אין דעם פארשטאנד פון דער יודישער קהילה.

— איין עצה טובה. א בערלינער יוד, א גרויסער עוסק בצרכי צבור האט געוואלט פערזארגען יודען און געשריעבען צו דעם צוועק איין ארטיקעל אין די "פרייססישע־יאהרביכער" אונטער דעם נאמען "אויסלייזונג פון דעם יודענטהום". אין דעם ארטיקעל לעגט אונזער קהלש'ער פערזארגער פאר, אז יודען וועלכע "עס ציהט זיי דאס הארץ נישט" צו ווערען קריסטען חאטש זיי האלטען נישט פון דער יודישער אמונה, זאלען וועניגסטענס מאכען זייערע קינדער פאר קריסטען און אויף דעם אופן ביסליכווייז ברענגען די אמת'ע גאולה אויף יודען. די דאזיגע עצה, וועלכע א סך יודען אין בערלין טהוען שוין פון לאנג האט פונדעסטוועגען געמאכט א רעש אין דער בערלינער געמיינדע און די ראשי הקהל האבען געהאלטען פאר זייער חוב צו פראטעסטירען געגען דער עצה און דאביי אויסצודריקען זייער וואונש, אז די יודען זאלען שטארק אכט געבען אויף די רעליגיעזע ערציהונג פון זייערע קינדער.

*

**ענגלאנד.** = אין דעם בוך "ציוניסטען און קריסטען" פון דר. קראנענבערג איז געוועזן געדרוקט א בריעף פון מארקיז סאליסבורי וועגען ציוניזמוס. איצט ווייזט זיך ארויס אז דער בריעף איז א פאלשער, דער רעדאקטאר פון Jewish World האט אבגעדרוקט דעם בריעף, און די צייטונג אריינגעשיקט צו סאליסבערי און דאביי אנגעפרעגט, פאר וואס סאליסבערי האט נישט פריהער איבערגעגעבען זיין מיינונג וועגען ציוניזמוס אין די ענגלישע צייטונגען. דעם 1|12 האט די צייטונג בעקומען א ענטפער פון סאליסבערים סעקרעטאר, אז סאליסבערי האט קיינמאל נישט געשריעבען קיין בריעף וועגען ציוניזם.

*

**רומעניען.** = פון בוקארעסט איז מען מודיע: די יודען וועלכע האבען זיך ארויסגעקליבען פון רומעניען און איצט געמוזט צוריקקומען פון מיטען וועג, געפינען זיך אין א שרעקליכער לאגע; זיי האבען אלעס פערקויפט פון זיך, שטובזאכען און מלבושים, כדי צו שאפען זיך אביסעל געלד אויף הוצאות. דאס געלד איז נאטירליך צוגאנגען ווי וואסער און איצט זענען זיי געבליעבען אהן א דירה, אהן מלבושים און אהן עסען. בעקומענדיג א שטיקעל דירה מיט גרויס מאטערנעש, האבען זיי ווידער נישט קיין טיש, קיין בעט און קיין שטוהל. די קינדער געהען ארום נאקעט און בארוועס, עס צורייסט דאס הארץ, קוקענדיג אויף די אומגליקליכע!

*

**בולגאריען.** = אין דעם יודישען קאנסיסטאריום, וועלכער פיהרט די יודישע ענינים פון גאנצען לאנד זענען אויסגעקליבען געווארען איניגע ציוניסטישע קאנדידאטען און צווישען זיי ה' ראמאנא און דר. נאחימזאהן. דער פרעזעס פון דעם קאנסיסטאריום איז דער הויפטראבינער ה. דר. עהרענפרייז, וואס איז בעקאנט ווי א העברעאישער שריפטשטעלער און טיכטיגער ציוניסט.

*

**איטאליען.** = מיט 50־60 יאהר צוריק איז דאס יודישקייט געשטאנען אין איטאליען אויף א הויכע מדרגה, עס זענען דארט געוועזן גרויסע רבנים, ישיבות און יודישע געלעהרטע. איצט איז כמעט נישט געבליעבען קיין זכר דערפון. אין ווענעציא, וועלכע איז אמאל געוועזן א שטאדט פון תורה און געוועזן בעריהמט מיט איהרע ערשטע יודישע דרוקערייען, איז כמעט אין גאנצען בטל געווארען די יודישע קהלה. ווי די "אלגעמ' צייטונג דעס יודענטהומס" איז מודיע, האבען איניגע יודען אין ווענעציע מיט פראפ' קאלאמבא אן דער שפיצע גענומען אויף זיך איינצופיהרען אין ווענעציע אלע זאכען, וועלכע זענען נייטהיג פאר א יודישע קהלה: צו לאזען שרייבען א ספר־תורה, צו בויען א מקוה און צו בעשטימען א צייט אויף לערנען תורה פאר בעלי־בתים.

*

**בעלגיען.** — אפראטעסט. אין בריססעל, די הויפטשטאדט פון בעלגיען, איז געוועזן א גרויסע פערזאמלונג אונטער פארזיץ פון דעפוטאט יאנסאן, כדי צו פראטעסטירען געגען דעם פסק אין הילזנער'ס משפט. אויף דער אסיפה זענען געוועזן פראפעסארען, דעפוטאטען און אנדערע פארנעהמע מענשען. די אסיפה האט פראטעסטירט געגען דעם פסק און אנגענומען דעם בעשלוס, אז מען זאל אנווענדען אלע מיטעל, אז דער פסק זאל נישט ווערען אויסגעפיהרט. צו דעם צוועק האט מען בעשלאסען זיך צו ווענדען מיט א ביטע צום עסטרייכישען פארלאמענט און צום עסטרייכישען יוסטיץ־מיניסטער.

*

**אמעריקא.** — טעלעגראם. "כרמל" האט געעפענט אין ניו־יורק אגעשעפט מיט א קעלער פון ארץ־ישראלדיגען וויין. **גלוסקין. לעווין־עפשטיין.**

דער אמעריקאנער "כרמל" איז אויך געגרינדעט אויף אקציעס, 150 אקציעס צו 400 רובל יעדערע, צוויי דריטעל פון די אקציעס זענען פערקויפט געווארען אין אייראפא. די איבריגע אקציעס האט מען אין אייראפא ניט געוואלט פערקויפען, כדי זיי צו לאזען פאר אמעריקא און כדי דורך דעם צו געווינען אין ניו־יורק מענשען, וועלכע וועלען דארט פעראינטערעסירט זיין מיט דעם וויינפערקויף.

---

## אלגעמיינע וועלט נייעס.

**רוסלאנד.** — סענקעוויטשעס יובילעאום. זונטאג איז געוועזן דאס 25 יעהריגע יובילעאום פון דעם בעריהמטען פוילישען שריפטשטעלער הענריק סענקעוויטש. זיין יובילעאום איז געוועזן א יום טוב פאר אלע פוילען פון דער גאנצער וועלט. צו זיין יובילעאום זענען צונויפגעפאהרען דעפוטאציעס פון פיעל שטעדט, אין ווארשאווער טהעאטער איז געוועזן א גרויסעס פעסט צוליעב זיין יובילעאום. די פערעהרער פון זיין טאלאנט האבען צוזאמענגעקליבען געלד און איהם געשענקט אין דעם טאג פון זיין יובילעאום א גרויסעס גוט.

די פוילישע נאציאן, וועלכע וואהנט צוטהיילט אין רוסלאנד, עסטרייך און דייטשלאנד קען צוזאמענגעהאלטען ווערען אין איהר איינהייט נור אין דעם גייסטיגען לעבען, דאס גאנצע נאציאנאלע לעבען פון פוילען קען איצט בעשטעהן נור אין דער ערהאלטונג פון זייער שפראך און ליטעראטור. וואס שענער און רייגער עס ווערט זייער ליטעראטור, ווערט זי אליין א שטארקערעס באנד, וואס פעראייניגט די פוילען און שטארקט זייער גייסט. דערפאר וויסען זיי אזוי צו שעצען זייער שפראך און ליטעראטור.

העיריק סענקעוויטש איז איצט דער גרעסטער פוילישער שריפטשטעלער. אין זיינע קינסטלערישע ראמאנען שילדערט ער דאס פוילישע לעבען און אין שענע בילדער האט ער געשאפען ווערק, וועלכע וועלען לאנג לעבען, וועלכע וועלען שטענדיג וועקען ביי די פוילען די ליעבע צו זייער פאלק און זייער שפראך, סענקעוויטשעס ווערק זענען איבערזעצט אין אלע אייראפעאישע שפראכען און אומעטום הויבען זיי די אכטונג צום פוילישען פאלק און דער פוילישער ליטעראטור. אין זיינע היסטארישע ראמאנען האט סענקעוויטש זיך אומעטום בעמיהט צו פערהערליכען דאס פערגאנגענע לעבען פון זיין פאלק, און דורך די

דארף מען היילען נור די איינצעלנע פאלגען פון דער קראנקהייט. דער קראנקער טאר דורכאויס נישט רויכערען.

## א ווינטער־ליעד.

הוליעט, הוליעט בייזע ווינדען
פריי בעהערשט די וועלט:
ברעכט די צווייגע, ווארפט די ביימער,
טהוט וואס אייך געפעלט.
טרייבט די פויגעל פון די וועלדער
און פעריאגט זיי פארט,
די וואס קענען ווייט ניט פליהען --
טיידט זיי אויפ'ן ארט.
רייסט די לאדען פון די הייזליך,
שויבען ברעכט ארויס.
ברענט א ליכטעל ערגיץ דונקעל —
לעשט מיט צארען אויס!

הוליעט, הוליעט בייזע ווינדען,
איצט איז אייער צייט:
לאנג וועט דויערן דער ווינטער,
זומער איז נאך ווייט..

אברהם רייזין.

## דאס שבת־דיגע היטעל.

(ערצעהלונג)

פון מ. ספעקטאר.

I.

ווען יוסעלען איז אריבער צוועלף יאהר און באלד, באלד, בעדארפט אנהויבען לעגען תפילין, שוין ווערען א גאנצער יוד, האט זיין מוטער שרה ביילע די אלמנה אנגעהויבען שטארק זארגען וועגען איהם.—

כל זמן יוסעלע איז געוועזען א קינד, האט ער דער מאמען אין אלעמען געפאלגט און נעגאנגען אין גוטען וועג, דער רבי האט איהם געלויבט אז ער קומט צו דער צייט אין חדר, יוסעלע פלעגט זיך אליין דערמאנען אז מען דארף יעדען טאג דאווענען, בכלל איז ער נעוועזען א לייטיש קינד און זיך לייטיש אויפגעפיהרט, שרה ביילע די אלמנה האט דעריבער געצוינגען פון זיך די לעצטע קליי און פינקטליך געצאהלט שכר־למוד, עס האט געמענט אמאל פעהלען אויף שבת, מען האט געמענט אפילו פערזעצען א הפץ פון שטוב און שכר־למוד פאר יוסעלעס רבי'ן האט געמוזט זיין, נאר אז יוסעלע האט אנגעהויבען אונטערוואקסען האט ער שוין ניט אין אלעמען געוואלט פאלגען „וואס די מאמע הייסט”, און שרה ביילע האט זיך אנגעהויבען שרעקען. יוסעלע האט מעהר אנגעהויבען רעדען קענען דער מאמען און איהר ניט געוואלט פאלגען, נאר וואס האט געקענט העלפען דערצו אביטערע אלמנה? זי האט געשריען, געשריען אויף איהם ביז דאס הארץ האט איהר אנגעהויבען וועה טהון און יוסעלע האט זיך געטהון זיינס.

— אודאי ווען אברהם הירשעל, זאל האבען דעם ליכטיגען גן־עדן, זאל לעבען, וואלט יוסעלע נאר אנדערש אויסגעוואקסען, פלעגט שרה ביילע זיך קלאגען,— א טאטע, א מאנסביל איז עפיס אנדערש, ער שרייט אנדערש אן אויף א קינד, דער מלמד האט גאר אנדערש דרך־ארץ, א טאטע געהט מיט דעם קינד אין שול אריין, ער זעהט און ניט אכטונג ווי דאס קינד דאווענט, ווי דאס קינד פיהרט זיך אויף. אבער איך, וויסטע אלמנה, וואס קען טהון? — איך זאג, איך שריי, וויל ער — פאלגט ער מיך, וויל ער פאלגט ער מיך ניט און טהוט וואס ער וויל, ער נעמט דאס סידור'ל און געהט אין שול אריין, איך ווייס, צי דאווענט ער דארט אדער ער שלאנט זיך מיט יונגליך? וויפיעל מאל קומט ער פון דאווענען א צושלאגענער, אודאי, אויף א יתום וועט זיך דארט קיינער אומקוקען, און איך? — איך שלאג איהם, דאס הארץ רייסט מיר, מיינע שונאים, און ווער צופיקעט...

שרה ביילע האט אנגעהויבען זארגען און זוכען מיטלען ווי אזוי זאל יוסעלע וואקסען לייטיש און געהן אין גוטען וועג אריין. זי האט געשריעבען א בריעף קיין ט א ל ט ש י ן צו איהר עלטערער אויסגעגעבענער טאכטער רייזעל, דאס זי וויל יוסעלען שיקען צו איהר, אז איהר מאן נחום וועלוועל זאל איהם אוועקגעבען צו א טאלטשינער מלמד און אז יוסעלע זאל לערנען און וואקסען אונטער דעם רשות פון נחום וועלוועל און אז אלע יוסעלעס הוצאות וועט זי מיט דעם שענסטען דאנק יעדען חודש אבשיקען.

„דו ווייסט, מיין ליעבע טאכטער, שרייבט זי איהר ווייטער אין בריעף, ווי טייער און ליעב מיר איז יוסעלע, ווי איינגעבאקען ער איז מיר אין הארצען, ער איז זעהר א פיין קינד, ער פיהרט זיך אויף לייטיש, לערנט זעהר גוט און איך מוז אזא ברילאנט פון זיך אוועקשיקען, נאר וואס זאל איך, אומגליקליכע אלמנה, טהון? דו ווילסט איך זאל איהם לאזען וואקסען אהן א מאנסביל אין סטוב אריין? ווען יוסעלע זאל מיר אויסוואקסען חאטש א האלבער יוד ווי דיין מאן איז, וואלט איך געבענשט און געלויבט דעם וואס איך בין זיין נאמען ניט ווערט צו דערמאנען,— און ביי מיר, אומשטיינסט געזאגט, וואס קען ער אויסוואקסען, איך ווייס ניט וועלכען מלמד איהם אויסצוקלויבען, איך ווייס ניט וואס ער טהוט אין שול ביים דאווענען אהן מיר, אט ערשט יענעם שבת איז ער געקומען מיט א צושלאגענעם קאפ, ווער איז זיך דען ניט נוקם אין א יתום? — ווער עס וויל דער שלאגט איהם און קיינער נעמט זיך פאר איהם ניט אן. אזוי איז, ליעבע טאכטער, אז גאט שטראפט און נעמט צו ביי דער יודענע די קרוין פון קאפ — אז עס שטארבט איהר אב דער מאן און מען בלייבט א פערוואיעלטע אלמנה. דאכט זיך דו דארפסט נאך אויך אפשר געדענקען וויפיעל געלד און וויפיעל מיה דעם טאטען, ער זאל האבען דעם ליכטיגען גן־עדן, האט געקאסט ביז מען האט די נייע שול אויסגעבויעט, די פרנסה האט ער אוועקגעווארפען צוליעב דער שול, איך האב געשריען און ער, זאל א גוטער מליץ זיין, האט זיך נור אוועקגעלעגט אויף דער שול און אויף דער שול. אודאי האב איך דענסטמאל געהאט פון אלעמען דעם גרעסטען כבוד. דו געדיינקסט די „זאקלאשטשינע”? — ווען מען האט זיך געשטעלט בויען די שול? — דו ביזט נאך גאר א ברעקיל געוועזען, פון דעסטוועגען האב איך דיך אויך מיטגענומען. דו געדיינקסט ווי אלע האבען דעם טאטען און מיר אבגעגעבען דעם שענסטען כבוד, אלע האבען געטרונקען צו אונז לחיים, אפילו גאניץ נאטשאלסטווע — דער אוראדניק, דער סטאראסטע פון אונזער שטעדטיל האבען צו מיר געטרונקען לחיים, מען האט מעהר ניט געהערט ווי „שרה ביילע” און „שרה ביילע”, היינט אז גאט האט געהאלפען מען האט שוין אויסגעבויט די שול און אז איך בין שבת געקומען דאווענען, האבען אלע ווייבער זיך צורוקט — געמאכט גראם, איך זאל זיך קענען געהן זעצען אויף מיין מזרח שטאדט, און מען האט מעהר ניט געהערט ווי „שרה ביילע”, „שרה ביילע”, היינט אז מען האט אבגעדאווענט, האב איך געהערט פון אלע זייטען א גוט שבת שרה ביילע”, א גוט יאהר שרה ביילע”. שטענדיג פלעגט זיין ביי

מיר אַפּולע שטוב מיט מענשען, איך האב שטענדיג געהאַט כבוד, הלואי אַ צעהנטיל חאַטש אויף מיינע קינדער געזאָגט געוואָרען. נאָר זינט גאָט האט מיך געשטראָפט און ביי מיר צוגענומען מיין קרוין פון קאָפּ, דערקענט מיך שוין קיינער ניט, פאַר יעדען בין איך אַ וויסטע אלמנה, יעדער קוקט אויף מיר מיט אַ רחמנות פנים און אז איך קום שבת אין שול אריין געדויערט ווי א האַלבע שעה איידער איך שטופּ זיך צו צו מיין שטאָדט. ווען איך דאַווען אָב, זאָגט מיר קיינער ניט פריהער „א גוט שבת", דעם ברייטען „גוט שבת" גיט מען היינט אָב אַנדערע ווייבער, וויסט זיי דער גוטער יאהר ווער זיי זענען דאָרט, גיטעל דעם עסיגפיהרערס טאָכטער, וואס האט געוואָהנט אמאָל ביי מיר אין שכנות אין אונטער־שטיבעל, היינט פעסיע די סוחאטע, נעדיינקסט ווי זי פלעגט וואַשען ביי אונז די פאָדלאָגעס, נו שטעל זיך פאר אז די סוחאטעס שנור שפּיעלט היינט אין דער ווייבערשער שול די גרעסטע ראָלע, זי געהט אין א האַלז פעריל און יום־טוב ביים אויסנעמען הערען מיר, ווי איהר מאַן, דער סוחאָטעס זינוניא, הייקעל שמייסער, קויפט ששי פאַר צוויי מאָל ח"י גולדען און גאָר ניט, און די וועלט איז אויך אַ וועלט... גלויב מיר, טאָכטער, זאָלסט איצטער אַריינגעהן צו אונז אין דער ווייבערשער שול' ווערט פינסטער אין די אויגען אַ קוק צו טהון ווער, אומשטיינס געזאגט, עס זיצען אויף דער גאַנצער מזרח־וואַנד, אלע אַמאָלינע סעדעכעס, פישערינס, דיענסטמעקלערינס און עפּיס פון אַלדע שוואַרצע יאהר אָנגעלאָפענע ווייבער מיט גוידערס פעריל, און זיי שפּיעלען היינט די ראָלע! וואו זענען אַהין געקומען די אמאָליגע לייטישע בעל־הבית־טעס ווי ר' ישעיהו שמושקעס ווייב, די גולטשיכע, די מוזיריטשקעס, די סאַניכע, די ראַטמאַנס און אפילו די זאזוליכע, די ערד זאל איהר ניט זיין שווער, האַטש אַ פּראָסטע יודינע געוועזען, נאָר פאָרט אַ לייטישע, איך וואָלט אָט די פּראָסטע זאזוליכע ניט פערביטען אויף אַלע היינטיגע ווייבער מיט די גוידערס, וואס זיצען מיט אַזא עזות אין מזרח וואנד, ווי גלייך זיי זיצען אויף ענגלישע רייטער, ניט אין שול פאַר דעם וואס לעבט אייביג. איך זאָג דיר, מיין טאָכטער, דעם אמת, אז איך רעד גאָר מיט זיי ניט, איך האב זיי אַמאָל געזאָגט „זאָל האַטש זיין שטיל ווען מען שפּרינגט קדושה, האָבען זיי מיך אויסגעלאַכט עפּיס ווי אַ משוגענע און איך מוז דאס אַלץ שווייגען. אודאי ווען דער טאַטע, ער זאָל דאָרט זיין אַ גוטער מליץ פאַר אונז, זאל לעבען, וואָלט אודאי אַזוי ניט געוועזען. זעה, ליעבע טאָכטער, ענטפער מיר מיט דער ערשטער פאסט, מיט יענקעל באלטער, ער פאָהרט אלע וואָך פון טאלטשין קיין סאקאַליווקע, מיט איהם אַ בריעוועל קאָסט מעהר ניט ווי צעהן גראָשען און עס קומט אָן גיכער פון דער פאסט, די צעהן גראָשען וועל איך שוין דאָ יענקלען בעצאָהלען. גריס דיין מאַן און דיינע טייערע קינדערליך, איך וואָלט זיך מחיה געוועזן ווען איך זאָל זיי זעהן. זיי מיר געזונד מיט אלע אונזערע ליעבע.

דיין מוטער וואס וויל דיך זעהן שרה ביילע."

*

אויף דער צווייטער וואָך האט שרה ביילע דורך יענקעל באלטער בעקומען א תשובה פון איהר טאָכטער, אז זי פרעהט זיך זעהר, וואס יוסעלע וועט זיין ביי איהר, און אז די מאמע זאל זיך ניט זאָרגען, זי וועט איהם אָבהיטען ווי איין אייגענע מאַמע, ווי איהרע אייגענע קינדער, און נחום וועלוועל וועט אויף איהם אַכטונג געבען ווי איין אייגענער טאַטע, דעם צווייטען חודש פאָהרט ער אי"ה קיין טאלנא צום רבי'ן, וועט ער אין מיסטנע אַריינפאָהרען קיין סאקאַליווקע נעמען מיט זיך יוסעלען „און מכח די ווייבער מיט די גרויסע גוידערס וואס דו, מאַמע שרייבסט, קען איך דיר ענטפערען אז ביי אונז אין טאלטשין איז אויך אזוי ווי ביי אייך אין סאקאַליווקע; ווי נור א וואסער־פיהרערקע, אַ געוועזענע דינסט־מויד פערנעמען זיי אין די ווייבערשע שולען די מזרח וואנד און לאָזען ניט דאַווענען, נור מען רעדט און מען רעדט פון מאָדעס, און אז זיי ווילען זיך מאַכען א קלייד פאָהרען זיי אין דער גרויסער שטאָדט ווארשא, אנדערש שטעהט ניט אָן זייערע טאַטעס, די וואסערפיהרער אָדער מְשָׁרְתִים, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! וואו נעהם איך דאס מיט דיר און מיט אַלע מיינע ליעבע וואס די טאלטשינער שניידער וואָלטען אויפגענייט. יאָ, מאַמע, דו זאָגסט זעהר גלייך אומעטום וואוהין מען קומט נור, געוועלטיגען היינט די געוועזענע סעדעכעס און דיענסט־מיידען, עס איז היינט זייער וועלט און די אַלטע פיינע בעל־הבית־טעס פאַלען נעביך אַראָב, וואָס זאל איך דיר דאָ געהן א סך דערצעהלען, ווען דער אויבערשטער וועט העלפען אַז דו וועסט זיך אמאָל דורכפאָהרען צו מיר צו גאסט, וועסט די אליין זעהן."

ווען שרה ביילע האט בעקומען דעם בריעף, האט זי אָנגעהויבען וויינען, קושען און גלעטען יוסעלען, און ער האט זיך נור געטולעט צו דער מאַמען.

האָטש עס איז נאָך געוועזען אַ גאַנצער חודש צו זיין אַוועקפאָהרען האט זי איהם שוין אָנגעהויבען גרייטען אין וועג אריין און נור געבעטען ער זאל עסען.

— עס, יוסעלע, באַלד וועסט דו שוין אַוועקפאָהרען, זאָלסט דו דאָרט יעדען פאָלגען, ניט זיין קיין איינגעשפּאַרטער, זאָלסט זיך דאָרט אויפפיהרען לייטיש און זיך האַלטען ריין, די פאות זאָלען ניט זיין צובאָרשטען, דאס היטעלע זאַלסט דו טראָגען גלייך, ניט ווי דא מיט דעם דאשעק שטענדיג אין דער זייט, וועט דיך יעדער ליעב האבען, נחום וועלוועל וועט דיר זיין ווי איין אייגענער טאטע, רבונו של עולם! זאלסט מיר האַטש אויסוואַקסען א האלב ווי ער. נו, עס, עס, יוסעלע! און אז גאָט וועט העלפען, וועסט זיך אויפפיהרען פיין, וועל איך קומען צו דיר צו גאַסט און וועל זיך שוין זעהן מיט רייזלען און מיט איהרע קינדערליך, זיי זאָלען מיינע ביינער איבערלעבען, עס, עס־זשע! האט זי ניט אָבגעטרעטען און איהם געשטופּט דעם לעפעל אין מויל פונקט ווי זי פלעגט איהם אַמאָל האָדעווען ווען ער איז געוועזען אַ פיטצעל קינד. מיט געוואַלד האט יוסעל אויפגעגעסען דעם לעפעל, ווייזענדיג דערמיט דער מאַמען אז אין טאלטשין וועט ער אויך יעדען פאָלגען ווי די מאַמע הייסט.

(פארטזעטצונג קומט)

---

## פון מיין טאגע־בוך.

פון ר. בריינין (בערלין).

אַ רייך הויז, אַלעס אויף דער ברייטער פוס און פון דער פולער האַנד. אין זאַל זיצט נור די מוטער, אַ פרוי אין מיטלערע יאָהרען מיט איין עכטע אויסגעבויגטער יודישער נאָז.

— וואו איז אייער זוהן? — פרעג איך זי.

— מיין זוהן איז געגאַנגען אין שול קדיש זאגען, מיט אַפּאָר חדשים צוריק איז מיין מאַן געשטאָרבען.

איך בין געצוואונגען געוועזן צו פלוידערן א האַלבע שעה מיט דער דאַמע ביז איהר זוהן איז געקומען. די דייטשקעס זענען איבערהויפּט עכטע פלוידערזעק, הויבען זיי אָן צו רעדען ווילען זיי ניט אויפ־

הערען. און רעדען, רעדען זיי טאקע איבער אלעס. די דאמע האט מיך צום ערשטען מאל געזעהן, דאך האט זי מיר אויסגעדערצעהלט וואס אונטערען נאגעל. זי האט פאר מיר אויסגעשאטען איהר גאנצען זאק מיט מעשות און געשילדערט איהר גאנץ לעבען פון א ביז ת. זי וואקסט פון לויטער רבנים, פון סאמע פער. זי האט זיך אויפגעהאדעוועט אין זעהר א פרומען יודישען הויז. ווען זי איז געווען אלט אכטצעהן יאהר, האט זיך אין איהר איינגעליעבט א קריסט. ער האט בכלל זעהר ליעב געהאט יודען, ער איז געווען וואס הייסט א יודישע כפרה, און התונה האבען האט ער געוואלט דוקא מיט א יודישער מיידיל פון פרומע עלטערן. און אזוי ווי ער איז געווען א קצין א גוי, האבען איהרע עלטערן מסכים געווען צו דער זאך, און עס איז געווען ביי זיי התונה מיט מזל. ער איז געבליבען א פרומער קריסט און האט געהאלטען זיין אמונה, און זי איז געבליבען א פרומע יודינע און האט זיך געהאלטען ביי איהר ביסיל יודישקייט. ער פלעגט זיך מאכען זיינע הגאות און זי פלעגט זיך מאכען איהרע ימים־טובים. די קינדער האבען זיי געמאכט העלפט פאר קריסטען און העלפט פאר יודען. די געהען אין קלויסטער און די געהען אין שול. דער מאן איהרער איז געשטארבען א קריסט און בעגראבען געווארען אויף דעם קריסטליכען בית־עלמין, און די זיהן, וועלכע זענען נאך איהם געבליבען, זענען יודען. זיי האבען געשטעלט דעם טאטען א גרויסען צלם אויף זיין קבר, דאס איז ניט שייך, און געהען דאך אלע טאג אין שול, קדיש נאך איהם זאגען. דאס יודענטהום מיט דעם קריסטענטהום זענען אזוי אויסגעמישט אין דעם דאזיגען הויז, דאס אלעס יודישעס זעהט עפים אויס ווי פראטעסטאנטישעס, און דאס קריסטליכע שמעקט מיט טשאלענט. אין שטוב ווערט חנוכה־ליכט געבענשט און אויך א יאלקע געשטעלט. דער ראבינער קומט און אויך דער גלה.

* * *

איך זיטץ ביי א היגען באנקיר אין זיין קאבינעט. די נאז זיינע איז א יודישע, אבער וואס הייסט א יודישע. אויף דעם שרייב־טיש הענגט א קאפיע פון ראפאעל'ס מאדאנא. אין אלע ווינקלען איז בילדער פון גאט'ס מוטער מיט איהר קינד. בשעת איך זיטץ מיט איהם און רעד, טראגט אריין א שטארק אבגעגעסענער לאקיי פאקעטען מיט בריעף און צייטונגען, צווישען זיי אפאר אנטיסעמיטישע בלעטער. דער באנקיר רייסט־אויף א גרויסען קאגווערט, קוקט זיך ארום אין אלע זייטען, הערט זיך צו ביי די טיהרען און פלוצלינג חאפט ער ארויס פון קאנווערט א לשון־קדש'דיגע צייטונג און וויזט עס מיר.

ווי קומט עס צו אייך — פרעג איך איהם — אזא קאנטראבאנדא ?

— וואס הייסט, ווי קומט עס צו מיר! איך האב נאך אמאל אליין געדרוקט שירים אין די ערשטע יאהרען „המגיד", און איך ליעב נאך ביז היינט צו לעזען לשון־קדש, איך פיהל נאך דערינען א בעוונדערען טעם. טאקע א שען שטיקיל מליצה אין לשון־קדש איז נאך ביי מיר היינט פיל טהייערער ווי אלע ז י י ע ר ע חינדריקעס, אבער לײדער מוז איך זיך שטיקען צו לעזען לשון־קדש. אפילו די העברעאישע צייטונגען מוז איך בעקומען אין פערמאכטע קאנווערטען כדי קיינער פון מיין הויז־געזונד זאל עס ניט בעמערקען. עס פאסט ניט, עס געהט ניט...

דער באנקיר האט נאך ניט געענדיגט זיינע לעצטע ווערטער — און אין צימער איז אריין געגאנגען איינער פון זיינע קינדער. דער באנקיר איז בלייך געווארען און האט אויף גיך צוגעחאפט פון טיש די העברעאישע צייטונג, און אין זיין פנים האבען זיך געביטען אלע קאלירען, פונקט ווי מען האט איהם געהאפט ביי א גנבה.

— וואס איז דאס ביי דיר פאר א צייטונג, פאפא, אין וואס פאר א שפראך איז זי געשריבען? — האט געפרעגט דער זוהן נייגעריג.

— אראביש, אראביש — האט געענטפערט דער באנקיר ווי צומישט.

* * *

עס קלינגעלט. איך עפען די טיהר, עס שטעהט א יונגער מאן פון עטליכע־און־צוואנציג יאהר. ער האלט אונטער ביידע ארימס צו פאר גרויסע אייל־בילדער אין שווערע ראמען.

— איך ביטע, ליעבער הערר, — זאגט מיר דער יונגער מאן אין ריין בערלינער דייטש, — קויפט ביי מיר איין בילד, ביליג, געלעגענהייטס־פערקויף...

— ענטשולדיגען, איך ברויך, לײדער, קיינע בילדער. איך וויל די טיהר צומאכען.

— איך ביטע, קויפען זיי דאך ביי מיר א בילד, איך בין אזוי מיעד פון די טרעפ־שטייגעניש, דאס די פיס דיענען מעהר ניט.

דער יונגער מאן האט אוועקגעשטעלט די בילדער ביי דער טיהר און וויזט מיר ווי נאס ער איז אין גאנצען פון שוויים.

איך האב געבעטען דעם יונגען מאן, ער זאל אריינגעהן אין מיין וואהנונג צוזעצען זיך אביסיל אברוהען. איך האב געגלויבט דאס איז א קריסט. אלעס אין איהם איז געווען עכט בערלינעריש, גאר נישט יודישעס. דער יונגער בילדער־הענדלער זיצט און דערצעהלט מיט איין אראבגעלאזענעם קאפ, מיט איין געדעמפטער און האלב־הייזעריגער שטימע, וואס פאר א שווערע צייטען עס זענען געקומען, קיינער וויל קויפען. טאג־טעגליך מוז ער זיך ארומטראגען מיט די שווערע בילדער אין אלע עקען פון שטאדט און קריכען הין־און־צוריק אויף די הויכע טרעפ, און נאך אלעם מוז ער דאס רוב צוריק־קעהרען אין געשעפט און אויסהערען פון זיין פרינציפאל אלע מיני זלזולים און זידלערייען, דאס ער איז א לא־יוצלה און טויג גאר ניט צום געשעפט און ער קען איהם מעהר ניט האלטען... און פלוצלינג, אין איין רגע, האט זיך דער דאזיגער יונגער מאן אינגאנצען פערענדערט. ער האט ביי מיר אויפ'ן טיש דערזעהן א יודישען ספר.

— אזוי, איהר זענט א יוד, האט ער מיט מיר אנגעהויבען פראסט יודיש, — אזוי, איהר זענט א יוד, קען איך ביי אייך אפשר לייהען עפים פון היינטיגע נייע יודישע ביכליך ?...

— איך וואלט אייך ניט דערקענט, דאס איהר זענט א יוד — האב איך צו איהם געזאגט — פערשטעהט איהר אויך לשון־קדש ?

— דאס איז אויך א קשיה, אויב איך פערשטעה, יונגילוויז בין איך שוין אין גאליציען געווען א גרויסער למדן און דערצו נאך א כתבא־רבא. מיט אכט יאהר צוריק בין איך אהער געקומען פון גאליציען צו שטודירען אויף ראבינער, איך האב אויך געוואלט ווערען א דאקטאר־פילאזאפיע. פיעל, פיעל פון אונזערע שטעדט, שלעק, פליאגעס וואס קענען קיין צוויי נישט צעהלען, האבען זיך אוועקגעלאזען קיין בערלין און דא זענען זיי געווארען דאקטארען, ראבינערס, גאנצע מאכערס, און האבען געטהון טהייערע שידוכים, עס קעהרט גאר מיט זיי די באד... נו, האב איך געקלעהרט, ווען אזעלכע גראבע קעפ זענען לייט געווארען אין בערלין, וועל איך דאך אוודאי, דען לערנען האב איך געקאנט נאך זענענדיג א צוועלף־יעהריגער יונגיל פיעל בעסער ווי הילדעסהיימער אליין... אבער איך האב געהאט א טעות אין חשבון. עס איז

טאַקע אַלץ אמת, איך האָב אַ גוטען קאָפּ, איך האָב אַ גאַנג אין פּיליזאָפּיע און בכלל אַ חוש צו זיין אַ גרויסער קענער אין אַלץ, אָבער בסוד מוז איך אייך זאָגען, דאָס דער עיקר פּעהלט מיר, דהיינו: איך האָב קיין טאַלאַנט צו שנאָרערן, קריכען, לעקען און גלאַט שווינדלען. דערום ליעג איך טאַקע אין דער אֲדָמָה דריי קלאַפּטער טיעף, איך בין פּערגרעבט געוואָרען. נור ווען־ניט־ווען חאַפּ איך נאָך אַ יודישען ספר, איך האָב ליעב אַ חֲקִירָה צו לעזען, אַ מליצה־ביכעל דורכצובלעטערן, איהר גלויבט מיר, דאָס איך פּערשטעה נאָך איצט די שוואַרצע פּינטליך פּיעל מעהר ווי אונזערע גאַליצישע ניי־געבאַקענע ראַבינער, מיט רעשפּעקט צו מעלדען! אז גאָט וועט וועלען, וועל איך נאָך אויך שטודירען אויף דאָקטאָר און ראַבינער, איך מוז זיך נור אַביסיל אויסבילדען אין דער שנאָרער־קונסט. גלויבט מיר, ר׳ קרוב, דאָס איז ניט אַזוי גרינג... יעצט? — מאַרש, ווייטער געהן, מען מוז שלעפּען דאָס פּעקיל...

---

# דאָס יודישע טהעאַטער. *)

דאָס גרעסטע עסטהעטישע פּערגניגען איז צו זעהען, צו שפּירען דאָס לעבען אויפגעפיהרט אויף דער סצענע, בעשריבען אין אַ ראָמאַן אָדער ערצעהלונג, בעמאָלט אין אַ בילד, אין אַ מוזיקאַליש שטיק. ווען עס איז געטריי איבערגעגעבען דאָס ווירקליכע לעבען, דאָ, זעהענדיג, הערענדיג און לעזענדיג, לעבען מיר עס דורך, פּערגעסען אָן אונזער אייגענעם לעבען, און פּערגעהען, פּערשמעלצען זיך מיט דעם, וואָס מיר זעהען און הערען. מיר לעבען דאָ אין אַ גרעסערער און אָפּט אויך אין אַ שענערער וועלט, מיר שפּירען די געפיהלען פון די אויפגעפיהרטע פּערזאָנען, מיר דענקען נאָך זייערע געדאַנקען, — מיט איין וואָרט מיר געהען אַרויס פון די ענגע „פיער ווענד״ פון אונזער אייגענעם לעבען אין די ברייטע וועלט, מיר שפּירען דעם טַעַם פון דער אייביגקייט!

אַזאַ געפיהל איז דאָס גרעסטע פּערגניגען פון אַ דענקענדעם מענש.

און ניט נור פּערגניגען ברענגט אונז אַ ריכטיגעס בילד פון לעבען, נאָר עס ברענגט אונז אויך נוטצען: מיר ווערען רייכער אין נִסְיוֹנוֹת, געדאַנקען און געפיהלען, וועלכע אונזער קורצעס לעבען קען אונז נישט געבען; מיר פּערברייטען, דערווייטערן די וועלט פון אונזערע געדאַנקען, אונזער אייגענעס „איך״ הערט אויף צו זיין פאַר אונז אַ גאָט, מיר פּערשטעהען, אַז אויסער אונז זענען פאַרהאַנען נאָך אַ סך אַנדערע „איך״, וואָס האָבען דאָסזעלבע רעכט אויף לעבען ווי מיר, — קורץ מיר ווערען קליגער, אֵידעלער, בעסער.

אַזאַ ווירקונג האָט אויף אַ דענקענדעם מענש אַ ריכטיגעס בילד פון לעבען. אַ ריכטיגעס בילד דאָס הייסט נישט בלויז אַ פאָטאָגראַפיע פון לעבען; ניין, מיר מיינען אַ בילד, וואָס איז געשריבען מיט אַזאַ מאַכט, אַזוי לעבעדיג, אַז עס צווינגט אונז טאַקי דורכצולעבען דאָס בעשריבענע „שטיק״ לעבען, נאָכצופיהלען די געפיהלען, פּערשמעלצען זיך, ווי אויבען געזאָגט, נאָר אין גאַנצען אין דעם, וואָס מיר זעהען און הערען.

די ווירקונג פון איין ערצעהלונג אָדער ראָמאַן, פון אַ געמאָלטען בילד, פון אַ מוזיקאַליש־שטיק, פון אַ געשפּיעלטעם דראַמאַ, קאָמעדיע אָדער טראַגעדיע איז נישט גלייך. מיר מוזען דעריבער אונטערשיידען צווישען די פּערשידענע ערליי קונסט.

*) דאס מאַטעריאל צו אונזער אַרטיקעל נעמען מיר פון דעם בוך „די אידישע ביהנע״, וואס איז אַרויסגעגאַנגען אין נויאַרק מיט דריי יאהר צוריק צום אנדענקען פון דעם 20-יעהריגען יובילעאום פון דעם יודישען טהעאטער. דאס בוך ענטהאלט אויסער אלערליי ארטיקלען איבער דאס יודישע טהעאטער אַ זאמלונג פון אלערליי ליעדער אין קופּלעטען פון די געשפּיעלטע שטיק.

פאַר אונז דאָ איז נור וויכטיג די ווירקונג פון אַ טהעאַטער שטיק און מיט דעם וועלען מיר זיך בעשעפטיגען, לאָזענדיג אַלעס אַנדערע ביי זייט.

דער הויפּטצוועק פון אַ דראַמאַטיש שטיק איז פאָרצושטעלען דאָס לעבען אין ווירקען. בְּעֵת די אַנדערע קונסטען בעמאָלען, בעזינגען, ערצעהלען אונז פון דעם לעבען, ווייזט עס אונז די דראַמאַטישע קונסט, גלייך ווי עס וואָלט פאָרגעקומען פאַר אונזערע אויגען אין דער ווירקליכקייט. מיר זעהען און הערען צוזאַמען און עס דאַכט זיך אונז, אַז מיר זעהען דאָס לעבען זעלבסט. מיר הערען ניט קיין ערצעהלונגען פון דעם, וואָס האָט געטראָפען, מען בעשרייבט ניט די ווירקענדע כאַראַקטערען, — מיר זעהען אַלעס בְּחוּש, מיר זעהען די פּערזאָנען אין ווירקען, מיר זעהען ווי עס ווירקען זייערע כאַראַקטערען, מיר זעהען ווי עס וועבט זיך זייער לעבען.

דאָס פאָרגעשטעלטע לעבען אין ווירקען, — דאָס אַלעס שטעלט די דראַמאַטישע קונסט זעהר נאָהענט צום ווירקליכען לעבען.

---

די געשיכטע פון יודישען טהעאַטער איז פּערבונדען מיט אברהם גאָלדפאַדען׳ס נאָמען און מיט דער גרויסער יודישער עמיגראַציאָן קיין אַמעריקאַ, וואו די יודישע טהעאַטערן ווערען מעהר אייראָפּעאיש׳ אָבער, ליידער, נור אין זייער אויסזעהען און ניט אין זייער אינהאַלט.

אברהם גאָלדפאַדען האָט געגרינדעט דאָס יודישע טהעאַטער אים 1876 יאָהר, פאַר די 25 יאָהר, זייט דאָס יודישע טהעאַטער עקזיסטירט, האָט עס געקאָנט און געדאַרפט פּערנעמען אין יודישען לעבען אַ זעהר וויכטיגען אָרט. עס האָט געדאַרפט ווערען אַ יודישעס פאָלקס־טהעאַטער נישט נור פאַר אונזערע מאַסען, נאָר פאַר די אַלע, וואָס שפּירען אַ בעדערפעניש צו זעהען זייער אייגנעם יודישעם לעבען אויפגעפיהרט מיט טאַלענט אויף דער סצענע.

די צייט צו דעם, ווי מיר וויסען, איז געווען זעהר גינסטיג. דאָס נאַציאָנאַל־יודישע געפיהל האָט בעקומען אַ שטאַרקען איינפלוס אויף דאָס יודישע לעבען, מען האָט נור געדאַרפט גוט אויסנוטצען דאָס געפיהל. נאָר, ליידער, דאָס האָט גאָלדפאַדען אַביסיל פּערנאַכלעסיגט, בעזונדערס אָבער האָט מען דעם וויכטיגען פּונקט פּערנאַכלעסיגט אין אַמעריקאַ.

ווען מיר ערצעהלען דאָ די געשיכטע פון יודישען טהעאַטער מיינען מיר נישט, אַז עס ווערט בעסער, רייכער אין גוטע דראַמאַטישע ווערק. דאָס ליידער, קען מען בְּשׁוּם אוֹפֶן נישט זאָגען פון דעם יודישען טהעאַטער, זיין געשיכטע איז גאַנץ משונה׳דיג: וואָס מעהר עס בעקומט אַ אייראָפּעאישען אויסזעהען, וואָס מעהר די אויסערליכע זייט ווי די דעקאָראַציאָנען אַז״וו ווערט פּערבעסערט, וואָס מעהר מען בעשיינט עס, — ערגער ווערט עס אים איננערליכען, נידריגער פאַלט עס אין אינהאַלט, חאָטש מען שפּיעלט וועלט־בעריהמטע טהעאַטער־שטיק, ווי אַטעללאָ, האַמלעט, אַז״וו, נאָר דאָס איז מיט צוואַנגען צוגעשלעפּט, צוליעב דער רעקלאַמע, ווי דער יודיש־אַמעריקאַנישער שטייגער איז.

נאָר קעהרען מיר צוריק צו דער געשיכטע פון דעם יודישען טהעאַטער.

גאָלדפאַדען דערצעהלט אין אַ נויאָרקער צייטונג, אַז די אידעע צו גרינדען אַ יודישעס טהעאַטער איז ביי איהם געבאָרען געוואָרען אין רומעניען, ווען ער האָט געזעהען ווי יודישע זינגער אונטערהאַלטען דאָס פּובליקום מיט אַלערליי יודישע ליעדער אין ושאַרגאָן. ער האָט זיכטיג גענומען אויסצופיהרען זיין אידעע, מיט פּיעל מִיהע אויך צוזאַך

מענגעשלעפּט אַקטיאָרען און אפשר נאָך מיט מעהר מיה צוזאמענגעשלעפּט זיינע „זשעניאַלע“ „טהעאַטערשטיק“, ווי מען זאָגט אין נויאָרק, און אויפגעעפּענט אַ יודישעס טהעאַטער צוע־שט אין רומעניען און דערנאָך אין אָדעס.

מיר קענען זיך פאָרשטעלען וועלכע שוויריגקייטען האָט גאָלדפאַדען דאַמאָלס געמוזט אויסשטעהען! ער האָט געמוזט שאַפען אַלעס אַליין; אַליין שרייבען די טהעאַטערשטיק, אַליין מאַכען די מוזיק, אַליין אויסלערנען די „אַקטיאָרען“ זייערע ראָלעס, און אויסער דעם פיהרען מלחמה מיט דעם יודישען געבילדעטען און אונגעבילדעטען פּובליקום, וועלכעם דאָס יודישע טהעאַטער איז זעהר ווילד פאָרגעקומען. עס איז דעריבער קיין וואונדער אַז אין דער ערשטער צייט האָט דאָס יודישע טהעאַטער אויסגעזעהען מעהר ווי אַ באַלאַגאַן, ווי איין אֱמת׳עס טהעאַטער.

אין אָדעס האָט עס זיך פערבעסערט. עס זענען צוגעקומען בעסערע קרעפטען, אויך פרויען, וועלכע זענען ביז דאַן אין גאָלדפאַדענ׳ס קאָמפּאַניע נישט געווען. די צייט ווען דאָס טהעאַטער האָט געשפּיעלט אין אַדעס רעכענט זיך פאַר די גלענצענדסטע אין דער געשיכטע פון דעם יודישען טהעאַטער. אויסער גאָלדפאַדען האָבען ליטעראַריש געאַרבעט נאָך אַנדערע ווי ליליענבלום, לערנער, מען האָט געשפּיעלט מייסטענטהיילס מעהר אָדער וועניגער וואָהרע שטיק פון יודישען לעבען, און דאָס טהעאַטער איז געווען אויפ׳ן רעכטען וועג צו ווערען אַ יודישעס פאָלקס־טהעאַטער. דאָס יודישע פּובליקום, נישט נור דאָס פּראָסטע, איז שטאַרק פעראינטערעסירט געוואָרען אין דעם יודישען טהעאַטער, און גאָלדפאַדען׳ס קאָמפּאַניע האָט געמאַכט גוטע געשעפטען.

דאָס אָבער האָט לאַנג נישט געדויערט. גאָלדפאַדען׳ס קאָמפּאַניע האָט זיך צוטהיילט אויף צוויי פיינדליכע קאָמפּאַניעס, און עס האָבען, ווי דער יודישער שטייגער איז, אָנגעהויבען פליהען מְסירות קיין פּעטערסבורג.

די קאָמפּאַניעס האָבען אָנגעהויבען אַרומפאָהרען אין יודישע שטעדט און האָבען געשפּיעלט מיט מעהר אָדער וועניגער ערפאָלג. כאַראַקטעריסטיש איז, אַז די לעבענסבילדער האָט מען אין פיעל ערטער געפונען פאַר בעליידיגענדע פאַר דאָס גאַנצע יודישקייט, פאַר אַנטיסעמיטישע, דאָס האָט געצוואונגען גאָלדפאַדען צו פערפאַסען זיינע פּאָפּולערסטע שטיק: בר־כוכבא, שולמית, ד״ר אַלמאַסאַדאַ.

די מסירות האָבען דאָך געווירקט. דער מיניסטער האָט פערבאָטען דאָס יודישע טהעאַטער אין 1883 יאָהר. אַ קורצע צייט נאָכדעם האָט דאָס יודישע טהעאַטער געפיהרט אַ טרויעריגעס לעבען אין פּוילען אונטער דעם נאָמען: דייטשעס טהעאַטער! זיין ענטוויקלונג אָבער אין גאַנץ רוסלאַנד איז מיט איין מאָל אָבגעהאַקט געוואָרען.

אין איינעם מיט די טויזענדער יודען, וועלכע זענען אין יענע שרעקליכע צייטען געלאָפען קיין אַמעריקאַ, האָט דאָס יודישע טהעאַטער זיך אויך אַריבערגעטראָגען אין די גרויסע שטעדט פון די פעראייניגטע־שטאַטען פון אַמעריקאַ.

---

באַלד נאָך די פּאָגראָמען האָט זיך געגרינדעט אַ יודישעס טהעאַטער אין לאָנדאָן און דערנאָך אין נויאָרק, אַדאַנק דעם אַקטיאָר באָריס טאָמאַשעווסקי, וועלכער האָט די לאָנדאָנער קאָמפּאַניע איינגעלאַדען אין נויאָרק. באָריס טאָמאַשעווסקי האָט געפונען אַ אונטערשטיצער אַ געוויסען וואָלף פרענק, וועלכער האָט זיך אפילו באַלד צוריקגעצויגען, אָבער דאָס האָט טאָמאַשעווסקי׳ס ענערגיע ניט אָבגעשוואַכט, און די אידעע פון אַ יודישען טהעאַטער אין נויאָרק איז נישט געשטאָרבען ביים געבוירען. מען האָט זיך צוגעגרייט צו דער פאָרשטעלונג, די איינוואוהנער פון דעם נויאָרקער גהעטאָ האָבען אויסגעקויפט אַלע בילעטען און די ערשטע פאָרשטעלונג וואָלט גלענצענד אויסגעקומען, ווען נישט אַ ווילדער צופאַל, וואָס קען נור טרעפען ביי אונז יודען, די גרויסע „בַּעֲלֵי טוֹבוֹת“, די בעאַמטע פון יודישען עמיגראַציאָן׳ס קאָמיטעט, האָט נישט געפאַלען די גאַנצע מַעֲשֶׂה. זיי האָבען געפונען, אַז אַ יודישעס טהעאַטער אין זשאַרגאָן איז גאָר אַ בעליידיגונג פאַר דאָס גאַנצע אַמעריקאַנישע יודענטהום און האָבען גענומען זיך סטאַרען צו שטערען די פאָרשטעלונג. זיי האָבען איבערגעקויפט צי איבערגערעדט אַ׳ן אַקטריסע, זי זאָל זיך אָבזאָגען פון איהר ראָליע, און זענען אַרויסגעטרעטען מיט פיעל רעד צום פּובליקום, מען זאָל אַהיים געהען און נישט צוזעהען אַזאַ „חִלוּל־הַשֵּׁם“ ווי אַ יודישע פאָרשטעלונג.

מיר האָבען אַזוי פיעל זיך אָבגעשטעלט ביי דעם פאַקט, ווייל ער איז זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר אונזערע „בעלי־טובות“ און אַ עהנליכער פאַקט האָט, ווי מען דערצעהלט, אויך פּאַסירט אין אָדעססאַ, ווען נאָך גאָלדפאַדען מיט זיין קאָמפּאַניע האָט געשפּיעלט, נאָר דאָרט איז עס צוגענאַנגען אַ סך פּראָסטער! מען האָט פָּשוּט געשריבען אַ מְסִירָה צום מיניסטער...

די אַמעריקאַנישע „בעלי־טובית“ האָבען נישט צוגעלאָזען נור די ערשטע פאָרשטעלונג, אָבער זיי האָבען נישט געקאָנט פערמאַכען דאָס טהעאַטער. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און טאָמאַשעווסקי האָט ווידער געעפענט דאָס טהעאַטער. יעצט עקזיסטירען שוין אין נויאָרק דריי טהעאַטערע.

באַלד דערנאָך האָט זיך געגרינדעט נאָך אַ טהעאַטער: עס איז געקומען פון רוסלאַנד יוסף לאַטיינער מיט זיין קאָמפּאַניע.ביידע קאָמפּאַניעס האָבען גוט פערדינט, ביידע האָבען געהאַט, ווי דער מְחַבֵּר פון דעם אַרטיקעל; „די געשיכטע פון יודישען טהעאַטער“ שרייבט, גוטע שוישפּיעלער, עס האָט נור געפעהלט איין טאַלענטפאָלער דראַמאַטישער שרייבער און אַ מעהר אינטעלעגענטעס פּובליקום, ווי די נויאָרקער פּראָסטע יודען.

צוזאַמען מיט דעם זענען אויך געוואַקסען דראַמעס, טראַגעדיעס, קאָמעדיעס, אויך היסטאָרישע אָפּערעס ווי אויף הייווען. די קאָמפּאַניעס האָבען ביי זיך „הויף־דראַמאַטורגע“, וואָס שרייבען פאַר זיי אַלערליי „קונסט־ווערק“.

מיר קענען זיך פאָרשטעלען וואָס פאַר אַ קונסט־ווערק דאָס זענען; ווען, ווי דער אויבען־דערמאָנטער מחבר שרייבט, אַז קענען זיי זענען „בר־כוכבא און שולמית“ גאָר „זשעניאַל“! מייסטענטהיילס זענען די אַלע טראַגעדיעס, אָפּערעס אז״ו געוועזען פון יודישען לעבען אין יעטציגער אָדער אַמאָליגער צייט. באַלד אָבער האָט מען אָנגעהויבען צו איבערזעטצען פראַנצויזישע אָפּערעטקעס, ווי אויך „איבעראַרבייטען“ שעקספּיר׳ען, זודערמאַן׳ען און אַנדערע.

די אַלע שטיק האָבען מייסטענטהיילס קיין ליטעראַרישען ווערטה. דערהויפּט קומען אויס ווילד די היסטאָרישע טראַגעדיעס און אָפּערעס, וואו עס קומען צו פליהען די העלדען אויף פּיפּערנאָטערס, וואו עס פּאַסירען נאָך אַזעלכע גרויסע וואונדער. דאָס טהעאַטער האָט צו ביסליכווייז פערלאָרען זיין פאָלקס־כאַראַקטער, עס איז געוואָרען אַ געוועהנליכעס אָפּערעטקען טהעאַטער, וואו דורך צווייזייטיגע קופּלעטען און טענץ אונטערהאַלטעט מען דאָס פּובליקום. די טהעאַטער האָבען זיך גאָר נישט בעמיהט אויסצוניצען זייער קראַפט, בדי צו האָבען אַ בילדענדען איינפלוס אויף די יודישע מאַסע, זיי האָבען זיך נישט בעמיהט אויסצואַר־

בייטען ביי איהר א ליטעראַרישען געשמאַק, נאָר נאָך פּערדערבט זיי נאַטירליכען, פּראָסטען געשמאַק.

זעלבסטפערשטענדליך, אַז דאַדורך האָבען זיי אָבגעשטופּט גאָר אין גאַנצען דעם אינטעלעגענטערען טהייל פון דער נויאָרקער יודישער מאַסע. דאָס פּובליקום פון די יודישע טהעאַטערן זענען וואוהלע־יונגען, און די גרינע, די וואָס זענען נישט לאַנג געקומען קיין אַמעריקאַ און וואָס ווילען זעהען אַלע וואונדער פון דער נייער וועלט. פאַר אַזעלכע מענשען איז גענוג אַ טענציל, אַ שמוציגעס ליעד, כדי צו אַפּלאָדירען אַזוי, ווי מען אַפּלאָדירט אַ טאַלענטפאָלען בעגייסטערטען אַקטיאָר.

(סנדע קומט). יצחק גרינבוים.

## בריעפקאַסטען דער אדמיניסטראַציאָן.

ה׳ ל׳ ביינערט אין דווינסק: לייענט־איבער די מודעה פאַן „יוד״ וועט איהר זעהען אַז איהר פאָרדערט צו־פריה; דער ערשטע טהייל פאַן דער וועלטגעשיכטע, שטעהט בפירוש, וועט צושיקט ווערן אין חדש יאנואר.

ה׳ יהודא... איי איליא ווילעניק גוב. אייער אונטערשריעפט אונמעגליך דורכצולעזען; שרייבט קלאָר אייער אדרעסע.

## נדבות

פיר די רומענישע יודען.

זאַמלונג אין פעראיין „צעירי ציון״ ווארשא, 4 רובל.

פיר די יודישע ארבייטער אין ארץ ישראל.

נברך את הד״ר הנכבד מ. נ א ט ט ל י ע ב ליום כלולתו עם מרת מ ר י ם ב ע ר נ ש ט י י ן ונדבנו לטובת הפונד בעד הפועלים באה״ק I רו״כ כל אחד, ס״ה 2 רו״כ. י. יוסילאב. ד. ה. העללער.

## וויכטיג פיר ציוניסטען!!!

נאַטען פיר די נייע יודישע נאַציאָנאַלע לידער, נעמליך:

1) עוד לא אבדה תקותנו (עס לעבט אונזער האָפנונג).
2) שם במקום ארזים.
3) ארץ אבותי.
4) יא צעדער.
5) ציונס־ליעד.
6) צוריק אהיים.
7) Toward & Zion
8) My Father Land.

דיא פראכטפאָללע נאָטען, וועלכע קאָסטען נור 9 פענס (35 קאָפּ׳) און מיט די ליעדער צוזאמען 1 שיללינג (50 קאָפּ׳) איז צו בעקומען אין די רעדאקציאָן „Die Welt“ אין וויען, און ביי פערלאַג „אחיאסף“ אין וואַרשא, און ביי דעם פערלעגער ר. מאזין בוכהענדלער אין לאנדאָן וועלכער איז דער הויפּט אגענט פיר די גרעסטע בוכהאנדלונגען פון איירופא און אמעריקא, און ביי איהם איז דער גרעסטער אויסוואהל פון אלער האנד ספרים און ביכער, אין אַלע מאָדערנע שפּראכען, אויך אַלער האנד מעטהאָדעס לעהרער ביכער, בריפען שטעלער און ווערטער ביכער, צו לערנען זיך ענגליש, העברעאיש, דייטש, פראנצויז אז״וו, אלער האנד בילדער, פערשיעדענע ציידונגען, אויך די יודישע וואָכענטליכע צייטשריפטען „ד ע ר י ו ד״ און „ד י ו ע ל ט״ און א ל ע צ י ו נ י ס ט י ש ע ב ר א ש ו ר ע ן. יעצט איז ערשינען 2 נייע בראשורען, פ א ר י ז ע ר י ו ד י ש ע א ו י ס ש ט ע ל ו נ ג, און א י ן ו ו א ס ל י ג ט א ו נ ז ע ר ה י ל ף, פרייז $1^{1}/_{2}$ פענס (6 קאפּ׳). ספר נ צ ח י ש ר א ל פון זאב שור בעל „ה פ ס ג ה״ משיקאגא. דער ספר ענטהאלט 173 בלעטער ער איז איינער פון די וויכטיגסטע ספרים, פרייז 5 שיללינג (2.50 רו״כ). ס פ ר ר פ ו א ו ת ל ה ר מ ב ״ ם איבערגעשריבען פון די שריפטען פון בריטש מוזעאום אין לאָנדאָן, פרייז 1 שיללינג מיט 4 פענס (70 קאָפּ׳).

די אַדרעסע:

R. MAZIN, BOOKSELLER

100 old Montague str. London E England

ע ק ס ט ר א ב ע ק א נ ט מ א כ ו נ ג. קירצליך ערשיינט אין מיין פערלאַג, ג ר ו פ ע נ ב י ל ד פ ו ן א ל ע ד ע ל ע ג א ט ע ן פ ו ן 4־ט ע ן צ י ו נ י ס ט ע ן ק אָ נ ג ר ע ס א י ן ל אָ נ ד א ן.


נאָר וואָס ארויס פון דרוק

## יודישע פאלקס־ליעדער מיט נאָטען

פון מ. מ. ווארשאַווסקי

מיט א פאָררעדע פון שלום־עליכם.

פ ר א כ ט ־ א ו י ס ג א ב ע.

פרייז 1 רובל מיט פאָרטאָ.

ציוניסטען בעקומען 25% ראַבאַט; מוכרי־ספרים — נאָך בעדינגונג.

צו בעקומען ביים פערפאַסער לויט אדרעסע:

Въ Кіевъ, М. Житомирская 18. Присяжному Повѣренному М. М. Варшавскому.


אדון נכבד, ניידיטש בווארשא!

כפי איך האָב פריהער מיט 2 יאהר אויסגעשריבען ביי אייך די מלאכה פון זייף און בין אייך דאנקבאר, וויל איך יעצט אויך דיא מלאכה פון פראנצעזישע שוהוואכס ביי אייך ערלערנען, איך ווייס אָבער ניט אייערע יעצטיגע פרייזען, דערום בעט איך אייך אזוי גוט זיין און תיכף ענטפערען מיר, וועל איך אייך באלד ארויס שיקען דעם שכר־למוד.
אייער פריינד
אברהם ראוונער מסקווירע פלך קיוב.


## פיר 3 רו״כ.

לערן איך בריעפליך און פערזענליך 1 ארטיקעל אחעמישען (וועלכער איז ניט גערעכענט אין פראָספעקט פון מיינע חעמישע לעהרעס) זייער וויכטיג פיר אלע סאָרטען האנדלונגען, גזעלשאפטען, פאבריקען, פערשיעדענע פירמאס און פיר יעדען איינצעלנעם בעזונדער, פאָדערט קיין קאפיטאל און איינריכטונגען. ביי פערקויף פון 15 רו״כ די סחורה גאראנטיר איך אויף זיכערע 10 רו״כ פרנסה. ענערגישע פערקויפער קענען זייער פיעל פערקויפען. ערקלערונג געגען א 7 קאָפּ. מארקע אויף אנטוואָרט. פערזענליך צו הויז פון 12—9 מארגענס און פון 4—8 אבענדס.

Варшава Дѣльная 18.
И. МАТУЗОНУ.

## דר. מ. גאטטליעב

אָרדינאַטאָר דער אוניווערסיטעט

ק ל י נ י ק

ק א ר מ ע ל י צ ק א 4

שפרעכע שטונדען פון 5 ביז 7

העמיש־מיקראסקאפּישעס לאבאראטאריום פיר אונטערזוכונגען פון ליחות, בלוט, זרע א.ד.ג.

אין ענגלאַנד קען מען אבאָנירען דעם „יוד״ ביי:

R. MAZIN. 100 Old Montague Str. LONDON E.

עקזיסטירט פאַן 1824-טען יאהר
פאבריק פון פלאַטירטע כלים
יוזעף פראזשע
ווארשוי, עלעקטאראלנא Nr. 16

Józef Fraget

w WARSZAWIE, ul. Elektoralna Nr. 16.

אייגענע געשעפטען געפינען זיך:
אין ווארשוי: סענאטארסקא 17 — קראקויער פאָרשטאדט 69 — נאלעווקי 16. אין לאָדז: פיאטרקאָווסקא 61.

## יין גפן כשר לפסח בהכשר הרבנים הגאונים בפולין וליטא.

באשר זה שנים רבות עסקתי במסחר היין של אבי ה״ר הירש פרייגער וגם היינות של ה״ר משה האכפעלד נעשו רק ע״י ותחת השגחתי בהכשר וטוב טעם, הנני מודיע, כי גם בשנה זו מוכן הנני למלאות חפץ הדורשים ממני אף היין אחד מן 90 קאפ. עד 8 ר״כ כל הין. ולהחפץ אשלח פרייז־קוראנט מכל המינים והמקחים, ויען כי יינות שנה זו מבורכים בטוב טעם, אקוה להפיק רצון הקונים עצהיו״ט.

חיים פרייגער. ХАИМУ ПРЕЙГЕРУ КЕШЕНЕЪВ.


Verlag „Achiasaf“. Verantwortlicher Red. M. Berkowicz. — Herausgeber u. Buchdruckerei Josef Fischer Krakau

## Открыта подписка на 1901 г.

# на газету „ВОСХОДЪ“

выходящую два раза въ недѣлю

### и ежемѣсячный журналъ „КНИЖКИ ВОСХОДА“.

**Восходъ** посвященъ интересамъ еврейскаго народа. Онъ стремится къ укрѣпленію внутреннихъ силъ еврейства, подъему культурнаго уровня массы и объединенію силъ интеллигенціи на дружной работѣ на народной еврейской нивѣ; его задача—служить дѣлу національнаго возрожденія, гражданской и общественной эмансипаціи евреевъ среди другихъ народовъ.—Газета выходитъ **два раза въ недѣлю**, разм. въ 2 печ. листа, и имѣетъ слѣд. содержаніе: **руководящія статьи** по всѣмъ текущимъ вопросамъ еврейской жизни въ Россіи и заграницей, **хроника** всѣхъ новѣйшихъ извѣстій, **корресп.** изъ провинціи и загран., **сенатская** и судебная **практика** по еврейскимъ дѣламъ (сен. **указы**), юридич. **безплатная консультація** (отвѣты на юрид. вопросы подписчиковъ въ особомъ отдѣлѣ), **обзоры** евр., русской и польск. **печати, фельетонъ** (раск. и проч.), **обзоры общей политич. жизни** Россіи и иностр. государствъ, **критика** и библіографія.

Подписная **Цѣна** на „**Восходъ**“ съ „**Книжками Восхода**“—**10 руб.** въ годъ (допуск. разсрочка: при подпискѣ—**4** р., къ 1 марта—**3** р. и къ 1 іюля—**3** р.); на **газету** (безъ „**Книжекъ**“) **7** р.

**Книжки восхода**—выходятъ **ежемѣсячно** въ разм. до 10 печ. лист. **Повѣсти** и **разсказы** изъ евр. жизни, стихотв. и популярн. научныя **статьи по исторіи, литературѣ, религіи, философіи, критикѣ, вопр. обществ. жизни. Книжки восхода**—**единственный** журналъ, посвящ. еврейской литературѣ и наукѣ, на рускомъ яз. Желая способствовать его широкому распространенію, новая редакція установила отдѣльную подписку за **крайне доступную** цѣну:

**12 книгъ за 3 р. (съ перес.)**

**Главная контора Восхода** помѣщается въ С.-Петербургѣ, Площадь Большого Театра, д. 2. Подписчики на оба изданія, **внесшіе до 1 января 1901 г.** всю плату за годъ, получаютъ газету въ этомъ году со дня подписки **безплатно**.

Годовые подписчики на оба изданія получатъ въ 1901 г. **Сборникъ повѣстей и разсказовъ** одного изъ талантливѣйшихъ современныхъ беллетристовъ **И. Зангвилля**, разм. до 20 печ. листовъ.

---

# „НИВА“

Подписчики „НИВЫ“ получатъ въ 1901 г.:

**52 №№** журнала „НИВА“ (до 1500 столбцовъ текста и 500 гравюръ), въ которыхъ, между прочимъ, появятся:

1) еще нигдѣ не напечатанныя посмертныя произведенія **Д. В. ГРИГОРОВИЧА:** „Очерки Венеціи“ и „Изъ записной книжки“ (характеристики выдающихся современ. русскихъ дѣятелей и анекдоты изъ ихъ жизни); 2) рядъ статей со множествомъ рисунковъ, картъ и пр. подъ заглавіемъ: „**XIX ВѢКЪ**“. Статьи эти дадутъ читателю **полную картину жизни истекающаго столѣтія и составятъ роскошный томъ.**

**24 ТОМА** „Сборника Нивы“, содержащаго **ПОЛНОЕ СОБРАНІЕ СОЧИНЕНІЙ Г. П. ДАНИЛЕВСКАГО** („Черный годъ“, „Сожженная Москва“, „Княжна Тараканова“, „Мировичъ“, „Бѣглые въ Новороссіи“, „Воля“, „Новыя мѣста“, „Девятый валъ“ и всѣ друг. многочисленныя его произведенія), которое будетъ приложено въ теченіе **одного 1901 года**, — такъ что „Сборникъ Нивы“ 1901 г., по количеству матеріала для чтенія, **значительно превзойдетъ** „**Сборники**“ всѣхъ прежнихъ лѣтъ.

Даетъ въ теченіе **одного 1901 года** своимъ подписчикамъ

**БЕЗПЛАТНО**

(стоящее въ отдѣльной продажѣ 15 руб.)

**ПОДПИСНАЯ ЦѢНА „НИВЫ“**

на годъ со всѣми приложеніями:

Безъ достав-ки: въ СПБ. **5 р. 50 к.**

Безъ доставки: 1) въ Москвѣ, въ Конторѣ Н. Печковской—6 р. 25 к.; 2) въ Одессѣ, въ книжн. магаз. „Образованіе“—6 р. 50 к.

Съ достав-кою въ СПБ. **6 р. 50 к.**

**Съ перес. во всѣ города и мѣстн. Россіи 7 р.**

За границу 10 р.

Разсрочка платежа въ **2** и **3** срока.

*Полное собраніе сочиненій*

# Г. П. ДАНИЛЕВСКАГО

съ портретомъ, факсимиле и біографич. очеркомъ.

**12 КНИГЪ** „**ЕЖЕМѢСЯЧНЫХЪ ЛИТЕРАТ. ПРИЛОЖЕНІЙ**“ (романы, повѣсти, разсказы, популярно-научныя статьи, очерки и пр. современныхъ авторовъ.

**12 №№** „Парижскихъ модъ“ (до 300 модныхъ гравюръ по послѣднимъ фасонамъ лучшихъ мастеровъ).

**12 №№** рукодѣльныхъ и выпильныхъ работъ и выкроекъ въ натуральную величину (около 600 рисунк. и чертежей).

**СТѢННОЙ КАЛЕНДАРЬ** на 1901 г., печатан. краск.

Подробное иллюстрированное объявленіе о подпискѣ высылается безплатно.

Требованія адресовать въ Глав. Контору жур. „НИВА“, С.-Петербургъ, Малая Морская, 22.

---

**АПТЕКА АП. КОВАЛЬСКАГО**

въ Варшавѣ, Граничная ул. № 10.

פערפערטיגט ען-גראה און עמפפעהלט די בעריהמטע מיטלען פון וול. רוססיאן.

**Brassikon** געגען פערשיעדענע קאפ און צאהן שמערצען מיגריגען א.ז.וו. א 40, 80 ק׳ 1,50 ר׳ 2,50 ר׳ פלאקאן. מיט פארטא א פלאקאן פון 80 ק׳ קאסט 1 ר׳ און 2 ר׳ 3 ר׳.

**Granulki** געגען הוסטען, שווערעס אטהמען (אסטהמע) א 60 ק׳ 2 שאכטעל מיט פארטא 1.50 ר׳.

**Pastylki** געגען זגאגע, מאגען ברענונג און מאגען קראנקהייטען א 40 קאפ. 2 שאכטעל מיט פארטא 1 ר׳.

**Sudorin** געגען אבכריהען, שוויצען פון קערפער און שווייס גערוך פון די פיס, הענד, פאחוועס, א 25 ק׳, 45 ק׳ 75 ק׳ מיט פארטא 1 רו"כ. (א שאכטעל 75 קאפ.)

**Klawiol** צו אראבנעמען מאזאלין (אדציקעס) בראדאווקעס א 45 ק׳ פיר 2 פלאשען מיט פארטא 1 ר׳.

**Krynol** געגען פליחע, פערהיט פון ליפינע, נעמט ארויס שופפען שטארקט די האאר און מאכט זיי וואקסען א 1.20 ר׳, 2,00 ר׳ מיט פארטא 1,50 ר׳ 2.25 רו"כ.

**Maltmol** קארמעלקעס, געגזן הוסטען און צום שטארקען. פון האניג, מאלץ און ברוסטקרייטעכצער, מיגרען שטיפטען פון אמתין מענטאל און דארום זעהר ניצליך. פאסטילען פון כינעזישע ראבארבער, און פערשידענע אנדערע. ביי יעדע רפואה געפינט זיך א בעשרייבונג ווי זי צו בעניצען.— בעשטעלונגען ווערדען געשיקט אהנע האנדגעלד אויף פאסטנאכנאהמע.

סוחרים בעקומען איין גראסען ראבאט. צו בעקומען אין אלע אפטעצניע מאגאזינען און אויך אין אפטעקען.